ה י ! – אדוו. דא, אין דעם ארט, ס׳רוב טאקע מיטן פריער
קומענדיקן "דא".

% דא הי איז ניטא קיין טייך. ער איז געבוירן דא הי,
אין אונדזער שטאט. הי איז דא ניט לאנג געווען א שריפה.

... " פייגעלע, פייגעלע, פי=פי=פי!// ווי איז דער טאטע,
ניטא הי.// ווה איז ער געפארן? – // קיין סטרי |...|".
פל.

1865 " מיר זענען |...| געוואר געווארן פון א חברה וואס
עקזיסטירט הי זייט דריי יאר |...|". 19/1
פער 177, נ׳ 7, ז׳ 107 |?407|.

1922 " כ׳ווייס, ער דארף קומען אהער, אכיבע ר׳איז נישט הי".
מלאך. 1, 119. 17

1954 " ער איז דער היינט, דער אייביק יידישער, און אומעטום
איז פאר אים דארטן, פונקט ווי אומעטום איז פאר אים הי". 15
מ. ראוויטש, 4, 411.

O פון הי – אדוו פר. פון האנעט, פון האט דעם ארט .
% דער בחור איז ניט פון הי, קען ער ניט די שטאט.

|1843?| " האט דר בע"ש גיעפינט דעם זוהר און האט אריינגיקוקט
און האט געענטפערט דיין זין איז גזונד ער וועט שבת 25
האלטין אין א דארף איין מייל פון היא |...|".

1967 " ווער קאן ער זיין? כיבע א נייער, ערגעץ פון ניט=הי".
קארפינאוויטש, 1. 19

17 ער איז ניט הי – שפאסיק וועגן איינעם וואס איז פארטראגן
הערט זיך ניט צו, וואס מע רעדט, וואס ס'טוט זיך ארום אים.

ם **היא.** מה"ד.

1544 " דא שפראך צו אים אבשלום **היא** אישט נאך איין ווייזר מאן// דער אויף דען אלטן דוד וואל ראטן קאן".

שמואל=בוך, סטר' 1497.

1610 " |...| אונ' זיא זאגטן איין מאן צו זיינם גיזעלן ווש זולן מיר **היא** זיצן מיר מוזן דוך שטערבן". 9

טר' ויקרא (הפטורה,מלכים ב', ז - ג).

1748 " אונ' זאל אונז לאזן גיניסן בידר מאנן אונ' פרומי בידר ווייבר איר(זכות) פון אלי דיא דא ליגן ביגראבן **היא**". 9/1

סידור תפילות, דף ו'.

היי <u>!!</u> - <u>דער, =ען.</u> (<u>שנש</u>) דער דא, די דאיקייט.

1955 " אומעטום אין דעם זוניקן <u>היי</u> // אויך איך האב
א טראפנסל מי // אריינגעטריפט דא אין דיין גוף". 3
<u>מאניק, 1א, 113.</u>

1967 " |...| טיפע נישט=<u>היען</u>".
<u>אהרן צייטלין, 6, 196.</u> 6

1972 " |...| זיי |די ווערטער| פליען קריק צו ברענגען
ווארעמקייט פון גייסט צו דיין מויל, פון היימישע 3/1
ניט=<u>היען</u>".

5

ה י אָ ד ן - די, במ.

1. אין דער גריכיש=רוימישער מיטאלאגיע: זיבן שוועסטער, וואס האבן באוויינט זייער איינציקן געשטארבענעם ברודער און זענען דורך די געטער פארוואנדלט געווארן אין שטערן.

2. (אסטר) א העלע שטערן=גרופע אין דער קאנסטעלאציע פון אקס ( מזל שור).

ה י א ט ו ס - דער, בא. (אנאט) 1.שפאלט, א ריס, אן עפענונג.

1967 " היאטוס=הערניע - א ברוך, וואס רייסט זיך אדורך

דער דיאפראגמע, א טייל פון מאגן פעלט אריין אינעם 37

חלל פונעם ברוסטקאסטן. קען שטערן דאס הארץ".

י. גלען, 1.

2. (גראמ) א פויזע, א קלאנג=איבעררייס ביים צונויפטרעף

פון צוויי וואקאלן, למשל: א אַזיס שיינער!

1938 " |...| אין אזא פאל האט די שפראך אפט געשטעבט

צו באזייטיקן דעם היאטוס דורך א קאנסאינאנטישן 34

צווישנקלאנג, דהיינו דורך

פער 92, נ' 1.

ה י א י ק  -  ------< הִנֵּק.

(?נ?) ה י א ל י ט - דער, =ן. (געאל) א מינעראל, דער רייַנסטער מין פון אָפּאַל.

(?ב?) ה י א ל י ן - דער, בא. (פיזיאל) א האלב דורכזיכטיקער סאלידער שטאף, וואס באווייזט זיך אין די געוועבן פון אן ארגאניזם ביי געוויסע פאטאלאגישע דערשיינונגען.

ה י <u>א</u> צ י נ ט - <u>דער, =ן.</u>

1. (<u>באט</u>) געוויקס און בלום פון זעלבן געוויקס (<u>ווסנ</u>)

דער ליליע=משפחה(          ),ווערט קולטיווירט צוליב
זיינע שיינע, שמעקעדיקע בלומען.

1926 נעמט א <u>היאצינט</u>-בלימל מיט צייטיקע שטויבפעדעמלעך
און רירט זיך צו צו די שטויבבייטעלעך מיטן שפיץ 47
פינגער |...|."
<u>יאכינסאן, 2, 177.</u>

1973 " אויפן הינטערגרונט פון די שווארצע שטאבעס האט
אויפן פענצטערברעט געבליט א ראזער <u>היאצינט</u>". 49
<u>ראזענפארב, 3, 249.</u>

|| <u>היאצינטיש</u> - <u>אדי</u>. איך קאליר פון דער בלום היאצינט.

(?נ?) ם |היביי| ה י א ב יי א - <u>אדוו.</u> (אט) דא, דערביי.

1732 " ועכשיו עראייגנט זיך קלײנע אקאזיאהן להסחורות

59 וואו פון <u>היאבייא</u> שפעציפיקאציאן פאלט. דיא מח"ת

בעשט מיגליכשט איין קויפן".

<u>אגרת שלמה, בריוו 13.</u>

ה י ב י ן - |דער?, =ס?|.א גויישקע בולקע".

1938 " |...| פאניע בלייבט פאניע, כאפט א דארפישער

צייגעצל אראפ א היבין פון א טישל".

שניאור, 3, 19.

| |
|---|
| רעד: כ׳האב דאס ווארט ניט געפונען אין ווערטערביכער<br>פון סלאווישע שפראכן. אפשר איז די שרייבונג<br>פארדרייט?<br>די דערקלערונג איז שניאורס. |

ה י ב י ס ק ו ס - דער, =ן. (באַט) קוסט פון דער משפחה

1959 " |...| דעם מענטש מיט אלעאנדער, וואס טרייבט אזא
61 שפּע פון בלומען,// און מיטן איינטאגיקן שוויטל |?!|,
היביסקוס רופט זיך זיין קוסטע |?!|, דעם מענטש אנצויאגן
מיט אומעט פון טרויעריק נאכטישן אפוועלק".
ש. שנהוד, פער 9, פסח, ז' 74.

1960 " |...| א צוים פון היביסקוס=קוסטעס".
56 מאן, 3.

(?נ?) ה י ב ע - די, =ס. (שגל) א קלאפ.

|בלומענטאל, פער 90, נ׳ !XX - 3.|.

## היבערנאציע – די, בא. (זאאלאגיע).

1. דער פראצעס פון איינשלאפן אויף ווינטערצייט ביי געוויסע זויגער בעלי=חיים.

2. דאס איינשלעפערן דורך אפקילן דעם ארגאניזם.

ה י ב ר ו – די, בא. אמ, ס'רוב איראניש) העברעיש, עברית.

1964 " דא רעדן קינדער ענגליש און שטאפן זיי מיט 'היברו'

איז אן ארויסגעווארפענע ארבעט".

ש. העפטערמאן, פער 155, III/22.

0 היברו=סקול – די, =ס. (אמ) העברעישע שול.

1931-1926 " מיינט נישט, וואס כ'בין א סעקרעטאר אין

א היברו=סקול, בין איך א פאנאטישער מענטש". 69/1

אפאטאשו, 7, 9.

היברו=טיטשער – דער, =ס. (אמ) לערער פון העברעיש.

1926 – 1931 " א שיינער הכלית פאר אזעלכע מענטשן ווי

מיר, צו זיין 'היברו=טיטשערס', ס'זענען פאראן טויזנט

אנדערע זאכן, ווו מען קען זיך מאכן א שטיל שיין לעבן". 69

אפאטאשו, 7, 28.

ה י ב ר י ד - דער, =ן.

1. געמיש, מישלינג, וואס קומט אויף אין רעזולטאט פון היברידיזאַציע פון געוויקסן אדער בעלי=חיים.

% וועגעטאטיווער היבריד. געשלעכטלעכער היבריד.

דער גערטנער האט דערגרייכט א נייעם היבריד פון ווינטער=עפל.

2. (פיג) געמיש, מישלינג.

1945 " איך ליב דאס ווארט פון איין געמאק, וואס זאל אין
זיך ניט פעלשן,// און ניט קיין זיס=און=זויערן היבריד 72
מיט פרעמדן טעם".

סוצקעווער, 3, 550.

1948 "ס׳וועט אפשר א דרעסירער, היטנדיק א הויכע צאם אין
אומרו נאכקלערן פארוואונדערט // וועגן צווייפיסיקן 71
היבריד פון רויה און פון חרוב, וואס האט זיך אויפגעביילט
אין צוואנציקסטן יארהונדערט |...|".

מארקיש, 9, 6.

ה י ב ר י ד י ז א צ י ע - די, =ס. דאס פאראייניקן אין איין ארגאניזם פארשיידענע ירושהדיקע אייגנשאפטן - דאס באקומען מישלינגען פון געוויקסן אדער בעלי=חיים, דורך קרייצונג (געשלעכטלעכער היבריד) אדער דורך צופלאנצונג (וועגעטאטיווער היבריד). די היברידיזאציע ווערט געמאכט צו באקומען בעסערע סארטן/מינים פון געוויקסן אדער בעלי=חיים.

ה י ב ש  -  ----> **<u>היפש.</u>**

ה י ג - אדי (אן גראדאציע, אפט סובסטאנטיווירט).

וואס איז פון דאנען, פון דעם דאזיקן ארט (דארף, שטאט, געגנט).

% א היג יינגל. א היגע פרוי. א היגער יונגער=מאן.

דער בחור איז ניט קיין היגער, ער קומט פון אן אנדער

שטאט. די היגע ווייבער ווייסן אלע פון דעם סוד.

|1819| " |...| דער פון דעם קרייז האט מיט דעם היגין

84 רבין גירעט זייער פריינדליך |...|".

י. פערל, 1, 181.

1867 " דער היגער רב קריכט אים אפילו אין גרגרת אריין

84/1 און רייצט אויף אים אן דאס שטעטל".

לינעצקי, פער 177, נ' 44.

1916 " די קיסליצעס זענען בעסער און געשמאקער פון די

84/2 היגע ארענדזשעס מיט די גרייפפרוטס".

שלום=עליכם, 8ב, 196.

1940 "|...| פאר וואס די היגע מאגנאטן האבן אים אהער
ארויסגענומען, איז אים נאך אלץ ניט געווען קלאר". 109
בערגעלסאן, 14, 190.

1966 "|...| ווען שפאנסט איין גאס - ניט ניכטער און ניט
שיכור// און קוקסט זיך איין ארום, ווי ניט קיין היגער". 90

/7 איז ניט קיין היגער - ווען א מענטש וואס איז פארטראכט,
פארטראגן, ווייסט ניט וואס ארום אים טוט זיך.

1900 "|...| פון די שטילע, טיפע אויגן איז געפאלן אן
אמתע שיין פון רוחניות איבערן בלאסן פנים. מע האט געזען
בחוש, אז ציינד איז ער נישט קיין היגער, זיינע הענט שפילן
אליין פון זיך און די נשמה פליט ערגעץ הויך=הויך,
אין עולם הזימרה".
פרץ, 17, 304.

ער איז שוין ניט קיין היגער – וועגן איינעם וואס איז
טויט קראנק, האלט נאענט ביים שטארבן.

ם
היאג.

1676 " |...| ווען דיא היאגין מלמדים איר סיפוק ממלואה
האבין מאגין דיא פרעמדין ג"כ משלים זיין". 103
תקנות ק"ק ניקאלסבורג.

ה י ג י ע נ י ס ט - דער, =ן.

1. א מעדיקער=ספעציאַליסט אין פעלד פון היגיענע.

1923 " |...| אין א צוזאַמענקום מיט אנגעזעענע יידישע

113 היגיעניסטן זיך נאָענטער באַקענען מיט די פּראָבלעמען און אויפגאַבן פון יידישן געזונטשוץ אין פּוילן".

פער 71, V/10.

2. (ווע=ה)יגיעניסטקע - ס. היגיעניסטין - ס) באַזונדערע(ר) אין א שול, קוואַליפיצירט אכטונג צו געבן אויף די היגיענישע פאַרשריפטן און ריינקייט פון די שילער(ינס).

1973 " עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן א מעדיצינישע=היגיענישע

114 אויפזיכט פאַר די שולקינדער |...| אונטער דער אויפזיכט פון א ספּעציעלן דאָקטאָר און א היגיעניסטין".

יזב 16, 256.

ה י ג י ע נ י ק – די, בא. די לערע וועגן דער היגיענע.

ה י ג י ע נ י ק ע ר - דער, =ס/מצ דז. דזוו היגיעניסט, ב׳ 1.

1949 " די יידישע סאציאל=מעדיצינער און היגיעניקער

האבן געמוזט אוועקרייסן א ביסל די אויפמערזאמקייט 119

פון דעם ייד פון זיין קאמף פאר דעם ׳פון וואס צו לעבן׳".

פער 151, נ׳ 12.

ה י ג י ע נ י ש - אדי/אדוו. שייכדיק צו היגיענע,

בהסכם מיט היגיענע, לויט די כללים פון דער היגיענע.

% היגיענישע באדינגונגען. שפייען אויף דער פאלדאלגע איז

ניט היגיעניש.

1908 " |...| קאפשווינדל דאס קאן נישט גערעכנט ווערן פאר

געפערלעך, ווייל עס פלעגט אפט פארקומען פון איבער מיידן 119/1

|=אויסמיידן| היגיענישע פארשריפטן".

איבז אנ, דער אוצר פון געזונט און לעבן, ז' 30.

1938 " דאס רוב היגיענישע פארשריפטן אין דער ביבל האבן

ניט פארלורן זייער ווערט, אפילו ווען ס'האט זיי 124

געפעלט דער וויסנשאפטלעכער אונטערבוי".

פער 151, נ' 4.

1974 " |...| מע מוז איגנארירן גערוימקייט, מע קאן זיך אפילו

דערלויבן מבטל צו זיין די היגיענישע באקוועמלעכקייטן 124/1

אבי צו זיין אויף דער הגנה=שיף".

עלבערג, 2, 319.

ה י ג י ע נ ע – די, בא. דער טייל פון דער מעדיצינישער וויסנשאפט, וואס פארנעמט זיך מיט די פאקטארן וואס פארהיטן און פארבעסערן דאס געזונט פון יחידים און פון דער געזעלשאפט, ווי ריינקייט, גוטע קוואליטעט פון וואסער, לופט, וווינונג, באשפייזונג א"א.

% אפהיטן די היגיענע. דער מצב פון דער היגיענע אין די שטעט איז ערגער צוליב דעם רויכשטויב.

1916 " דאס ווארט היגיענע נעמט זיך פון גריכיש (די געטין
פון געזונטהייט האט געהייסן היגעא). די לערע ווי אזוי 130
אויפצוהאלטן און פארהיטן דאס געזונט הייסט דעריבער היגיענע"
מעריסאן, 1.

1929 " אין דער שטרעבונג צו דערגרייכן זיין הויפטציל – געזונט מאכן דאס יידישע פאלק – פארנעמט די היגיענע דעם וויכטיקסטן ארט".
פער 72.

1968 "|...| אין קלוב איז געפירט געווארן אן אינטערסיווע קולטור=ארבעט עז זענען פארקעקומען רעגולערע רעפעראטן וועגן היגיענע אנאטאמיע און די באדייטונג פון פיזישער דערציונג".

יזב 2, 235.

ה י ג ל – דער, =ען. א גיט=הויכער בארג, בערגל.

באגראזטער היגל. דאס שטעטל געפינט זיך צווישן באוואלדיקטע

היגלען.

... "|...| טא קום זשע, פריינדין, קום און זעץ אויף

141 דיינע פליגלען// מיין שוואכן גייסט ארויף און לאמיר

פליען הויך,// אין לאנד פון פאנטאזיע, אויף אירע שיינע

היגלען |...|".

ע. סמאלינסקין, פער 143ב, ז׳ 288.

1938 " |...| כ׳האב אנגעשריבן ליכטיקע לידער,// וויי[illegible]

144 ליכטיקע ווייסע היגלען שניי |...|".

מאנגער, 2, 409.

1947 " די לופט – א געשליפענער זילבערנער חלף,// צעשניידט

143 האריזאנטן. און אט, ביי א היגל,// דורך צוויגן=געפלעכט,

גיט א שטראל=אויף א רעלף א געזילבערטער".

סוצקעווער, 3, 491.

ם

## היגל.

1767 " תלל א. הויפין. היגל".

ס' דרך הישר. 135

................................................................

רעד: א חידוש, וואס ביי סטוטש איז דאס ווארט ניטא!

חוץ די דריי ציטאטן זענען דא נאך פון לייוויק,

אויערבאך, זשיטלאווסקי, שפיגל, קאצענעלסאן,

רעסלער, ביקל, ש. שטערן. אז ס'איז ניט קיין

דייטשמעריזם איז אונגענומענעם זינען פון ווארט

איז קלאר באטשבי פון דער ציטאט פון 1767,

און ס'מעג אריינגיין ווי א באניטער ארכאיזם!

און ס'איז דווקא א נייטיק ווארט. אז דאס שפאנישע,

סיערא" איז כשר(ביי סטוטש) איז היגל כשר למהדרין!

................................................................

ה י ג ל ע נ ד י ש - אדי. פון דעם דאזיקן (פון היגן)
לאנד, ניט פון אויסלאנד.

1861 " ער איז א היגלעהדישער".
147 אקסענפעלד, 1, |ציט פער 92, נ׳ 2|.

1882 " עס איז נאך א גרויסער חילוק פון די בילערס אין
דייטשלאנד ביז די היגלענדישע".
149 פער 74, !!/18.

ה י ג ל ע נ ד ע ר - דער, =ס. / מצ דז. א מענטש פון היגן
לאנד, ניט קיין אויסלענדער
|סטוטש 116|.

(?נ?)    ה י ג ר אָ ג ר אַ ף - דער, =ן. היגראמעטער וואס מעסט מעכאניש

די בײַטעוודיקייט אין דער פײַכטקייט פון דער לופט.

הי גראָמעטער - דער, =ס. אפּאַראַט צו מעסטן די פֿײַכטקײַט פֿון דער לופֿט.

|טערמינאלאגיע פיזיק, פּער 128, ווילנע, 1920|.

1932 " |...| אנדערש איז דער היגראמעטער, דער מעסטער פֿון פֿײַכטקײַט. אים מוז מען האַלטן אין דרויסן, ווײַל די פֿײַכטקײַט פֿון דער לופֿט אין פֿארמאכטן צימער איז אַן אנדערע". 155

י. ביבער, פּער 151, נ׳ 21.

ה י ג ר אָ מ ע ט ר י ע – <u>די, בא.</u> דער טייל פון מעטראָלאָגיע וואס פארנעמט זיך מיט מעסטן די פייכטקייט פון גאַזן.

ה י ג ר אָ ס ק אָ פ – דער, =ן. אַפּאַראַט וואס ווייזט בערכדיק
די ענדערונגען אין דער פײַכטקייט פון דער לופט.

1926 " כדי צו באמערקן די ענדערונגען אין דער פײַכטקייט
פון דער לופט, באנוצט מען זיך מיט היגראסקאפן 160
און היגראמעטערס".
יאכינסאן, 2, 101.

ה י ג ר אָ ס ק אָ פּ י ש - אדי.

1. שייכדיק צו היגראסקאפּ, אדער אנגעיזן דורך א היגראסקאפּ.

2. וואס אבסארבירט גוט , זאַפּט איין פֿײַכטקייט.

1927 " מען דארף די עפּענונג פון אורין=קאַנאַל פון דרויסן
פארדעקן מיט א שטיקל היגראסקאפּישע וואטע, וועלכע
זאפּט אין זיך ארייַן די אייטער".
פּער 151, נ' 17.

|| היגראסקאפּישקייט - די, בא. אייגנשאפט צו זײַן היגראסקאפּיש.
|פּער 128, ווילנע, 1920|.

ה י ד אַ ל ג אָ - דער, =ס. שפּאַנישער אײדלמאַן, ריטער.

ה י ד ד |היידאד| - אינט. (זן) אויסגעשריי פון פרייד,
ענטוזיאזם, באגײסטיקונג.

% מענטשן האבן געשריגן"הידד!" צו די מארשירנדיקע סאלדאטן
אויפן פאראד.

1910 " אויב איר ווילט באמת |...| עפעס נאשן פונעם זיידן
173 |פון מענדעלען| - איז ניט |...| אויף באנקעטן,בעת מע
דולט א קאפ מיט טאסטן |...|, מיט אפלאדיסמענטן און
מיט הידדס".
שלום=עליכם, 26, 21.

1968 " |...| אין רוף הידד, דער יוגנטס גאנג!".
174 ל. אליצקי, 3, 117.

(?נ?) ה י ד ה׳ ת ק צ ר ? |האיאד האשעם טיקצויר| - פֿר. (לל).

וועט די האנט פון גאט זיין קורץ|במדבר, יא - כ"ג|.

ניטא קיין אוממיגלעכע זאך פאר גאט, גאט קאן אלץ טאן.

... " איך פרעג מיין בעל=הבית, אויב ר׳ בערל איז אן עושר

176 געווען. - א זעכציק טויזנטער, - ענטפערט ער. - אלץ

פון דער שענק? - היד ה׳ תקצר? - זאגט ר׳ בערל.

פרץ, 4א.

1958 " די גזירה פון גירוש האט ר׳ אהר=מתתיהו באקומען

175 ווי א גזירה מן השמים. געהאפט האט ער, א ז מ׳וועט אי"ה

צוריקקומען. היד ה׳ תקצר? מ׳האט שוין געזען אזעלעכס".

ח.י. פערל, 1, 46.

ה י ד ו ר |הידער| - דער, =ים. |החדזרחפ|. (לל) פוץ, באפוץ, באשיינונג. גלאנץ, פראכט.

% זיי היטן נאך זייערע אלטע מנהגים מיטן גאנצן הידור.

דער פרומער יידן האלט, אז די בארד איז דער שענסטער הידור.

די סוכה האט מען געמאכט מיט גרויס הידור.

1974 " |...| ש. י. עגנון, וואס האט אויך באשריבן אין יידישלעכסטן לבוש דאס עכטע חסידות אין שטעטלשן, גייסטיקן הידור". 184

י. אקרוטני, פער 38, נ' 82, ז' 168.

ב מיט אלע הידורים - מיט אלע פליטערלעך, מיט אלע צערעמאניעס, מיט גאנצן פוץ.

% ער איז א יישובניק מיט אלע הידורים. זיי פראווען דעם יום=טוב מיט אלע הידורים.

1951 "מיט אלע הידורים האט מען געשטעלט בוריקעס אויף פסח".

189 ה. אבראמאוויטש, פער 106, 419.

1961 "זי |ק. מאלאדאווסקי| קען די 'מלאכה' פון אויסשרייבן

181 א ליד מיט אלע הידורים,|זי קען| אויך ארייננגעבן אין

ליד אן אייגענעם הידור |...|".

מ. יפה, פער 24, 13.

0 הידור=הכבוד |~ האקאוועד| - דער, בא. צערעמאניאל

פון כבוד, רעספעקט.

% דעם רב האט מען מקבל=פנים געווען מיטן גרויסן

הידור=הכבוד.

הידור=מיצווה |~ מיצווע| - דער, בא. דאס באשיינען די

מיצווה מיט עפעס (למשל, דאווגען אין א שיינעם טלית,

בענטשן אויף א שיינעם אתרוג. טרינקען ארץ=ישראל=וויין

אויף ארבע=כוסות אד"גל).

1851 " אויך זאלסטו דיין מצות שבינך. דהיינו ווען עס טרעפט
181/1 זיך איין אתרוג פר צוועלף גילדן און דער נאך בקומשט
איין שענרן אתרוג מעגסטו אויף לייגין ביז איין שליש
און צו געבן אכצעהן גילדן, דס הייסט הידור מצוה".
איבז אנ, ס' היראה, ז' 32.

1957 " די עבודה וואס יידן האבן פאר פסח |...| מיט כשרן
193 די כלים אויף פסח צוליב הידור=מצווה".
איבז אנ, ליקוטי דיבורים, ז' 260.

□ הידור מצוה:

1752 " ווען השי"י האט גיגעבן אז ער גינוגן האט איבר
180 זיין פרנסה דער זעלביגר איז מחויב מיך |מיין, מער|
מוסיף צו זיין צו איין הידור מצוה מיך אז איין דריט חלק".
ס' עץ חיים, דף י"ד.

ה י ד ל י ו ו ע – אדי. "וואס מיאוסט זיך, איז גוזמאדיק שפירעוודיק צו אומריינקייט, צו מיאוסע זאכן".

|קטוו, ז. טעלעסין|.

% צו אלע צרות איז די יידענע א <u>הידליוווע</u>, ביי יענעם הידיעט זי זיך א גלאז טיי טרינקען".

|ז. טעלעסין|.

הידען I - טרוו, פאר געהידעט. (שש) (אנ) רייצן,
(אויפ)העצן, אנרעדן צו שלעכטס.

1866 " איינעם לעקט מען גלאט אונטער; יענעם הידעט
201/1 מען, ער זאל זאגן קאפויער פון זיין בעל=פלוגתא |...|".
ארז, פער 177, נ׳ 31, ז׳ 89 |?|.

1881 " די דאזיקע פאליציי=באאמטע אליין האבן געהאלפן און
201 געהידעט דעם פעבל".
פער 74, 22/X.

ה י ד ע ן ז י ך - אוטוו. (סל) מיאוסן זיך, פילן אן
אפשטויס.

% די שטוב איז אן אומריינע, הודעט ער זיך צו עסן דארט.

ה י ד ע ן <u>!!</u> - <u>אוטוו</u>. <u>בנב.</u>

1958 " איר יונגע=לייטלעך, וואס פידעט איר, וואס <u>הידעט</u>
איר, וואס רייסט איר איין וועלטן?". 200
<u>א. שטיינמאן, פער 38, נ׳ 31, ז׳ 16.</u>

1971 " עס זאל זיך טאן, עס זאל זיך קאכן און <u>הידען</u>
און פידען. עס זאל אויפטרייסלען". 195
<u>א. שטיינמאן, 1, 13.</u>

................................................................

<u>רעד</u>: ס׳איז מסתמא א גרייז (פון אויסשרייבער/זעצער)
און ס׳דארף זיין <u>הודען</u> (=הודזשען, זשומען, רוישן)
דאס אייגענע איז דאס צווייטע ווארט, ס׳דארף זיין
"פודען" (טייטש: יאגן, איילן זיך, פון אוקר׳
מיטן זעלבן באטייט). שטיינמאן איז א [illegible]
פאדאליער, האט ער אפשר ארויסגערעדט דיאלעקטיש
"הידען- פידען", כאטש ביי אונדז (לויצק) האט
מען בפי[illegible]ש געזאגט "פודען".
~~מען ב~~[illegible]

ה י ד ק ע - <u>אדי/אדוו.</u> (<u>סל</u>) אפשטויסנדיק, עקלדיק,דערווידער.

% ס'ווערט <u>הידקע</u> קוקנדיק ווי ער עסט חזיר.

ה י ד ר אָ אַ ע ר אַ פ ל אַ ן – דער, =ען.

דזוו הידראָפלאַן.

ה י ד ר אָ ג ע ן - דער, =ען. דער כעמישער עלעמענט וואסערשטאף. א באמבע מיט א גרויסער אויפרייסקראפט, וואס ווערט באפרייט ביי דער קייט=רעאקציע אין דער פארבינדונג פון הידראזען= איזאטאפן אין א טעמפעראטור פון מיליאנען גראד.

ה--

ה י ד ר אָ ג ע נ י ז אַ צ י ע - <u>די. בא.</u> אקט אדער העזולטאט

פון הידראגעניזירן.

ה י ד ר אָ ג ע נ י ז י ר ן - <u>טרוו.</u> כעמיש פארבינדן

פארשיידענע שטאפן מיט הידראגען דורך א קאטאליזאטאר.

% <u>הידראגעניזירן</u> נאפט.

ה י ד ר אָ ג ע נ ע ר אַ ט אָ ר - <u>דער, =ן.</u> גענעראַטאָר וואס

פארוואנדלט די ענערגיע פון וואסער=באוועגונג אין עלעקט

עלעקטרישער ענערגיע.

ה י ד ר אָ ג ר אַ ף - דער, =ן. ספעציאַליסט אין הידראָגראַפיע.

הידראָגראַפיע – די. בא. דער טייל פון געאגראַפישער וויסנשאפט, וואס פארנעמט זיך מיט שטודירן און באשרייבן די וואסערן פון דער ערדקויל.

ה י ד ר אָ ג ר אַ פ י ש - אדי. שײַכדיק צו הידראָגראַפיע.

% הידראגראפישע מאפעס.

(?נ?) הידראָדינאַמיק – די, באַ. דער טייל פון הידראָמעכאַניק, וואס פארנעמט זיך מיט דער באַוועגונג פון פליסיקייטן און אויך מיט סאלידע קערפערס פארזונקענע אין א פליסיקייט.

|טערמינאלאגיע פיזיק, פער 128, ווילנע 1920|.

ה י ד ר אָ ד י נ אַ מ י ש - אדי/אדוו. שײַכדיק צו הידראָדינאַמיק.

% הידראדינאמישער דרוק.

ה י ד ר אָ וו ל י ק – די, בא. פּפֿ הידראוליש. וויסנשאַפֿט וואס פארנעמט זיך מיט דער אנווענדונג פון די געזעצן וועגן דער באוועגונג און גלייכוואג פון פליסיקייטן.

ה י ד ר א ו ל י ש - אדי. וואס ארבעט (ווירקט) דורך דעם דרוק אדער באוועגונג פון א פליסיקייט.

% הידראוולישער מאטאר. הידראוולישע פרעס.

|טערמינאלאגיע פיזיק, פער 128, ווילנע 1920|.

1922 " חלב איז א פארבינדונג פון כעמישע פעטס-ייערסן מיט גליצערין.|...| מען מאכט פון זיי דינע טעוועלעך און נאכן אפקילן פרעסט מען זיי גוט אפ אונטער א הידראוולישן פרעס". 222

איבז י. לעפלין, 1.

(?נ?) ה י ד ר אָ ז אַ = פ אַ ר ב י נ ד ו נ ג ע ן - די, מצ.

|סטוטש 218|. בנב.

(?נ?) ה י ד ר אָ ז י ן - דער, בא. (בעמיע) אנקאָליריקע, שלעכט שמעקעדיקע און זייער גיפטיקע פליסיקייט, רייכערט זיך אין דער לופט, באקומט זיך דורך אקסיגענאציע פון אמיאק.

טערמינאלאגיע כעמיע, ווילנע 1921.

ה י ד ר אַ ט - דער, =ן. (כעמיע) פּראָדוקט פון פאַרבינדונג פון א פּשוטן אָדער צונויפגעזעצטן כעמישן שטאָף מיט וואַסער.

|טערמינאָלאָגיע כעמיע, ווילנע 1921|.

% געלאָשענער קאַלק איז א הידראַט פון ניט=געלאָשענעם קאַלק.

-ה

64

ה י ד ר אָ ט ו ר ב י נ ע - די, =ס. טורבינע וואס ווערט

באוועגט דורך דער ענערגיי פון וואסער=אראפפאַל.

ה י ד ר אָ ט ע כ נ י ק - די. בא. די לערע וועגן אויסנוצן וואסער=רעסורסן צו פארשיידענע צוועקן, ווי שיפעריי, באוואסערונג, פראדוקציע פון עלעקטרישער ענערגיע, דאס בויען דאמבעס, קאנאלן א"א.

ה י ד ר אָ ט ע ר אַ פ י ע  - די, בא. דאס היילן מיט וואַסער,
באַזונדערש מיט הײלוואַסערן.

ה י ד ר א ט ע ר א פ י ש - אדי/אדוו. שייכדיק צו הידראטעראפיע,

% הידראטעראפישע בעדער.

(?ב?) ה י ד ר אָ ט ר אָ פ י ז ם – דער, בא. די פעיקייט פון א גערוויקס זיך אויסצובייגן אונטער דער השפעה פון ניט=גלייכמאסיקער פארטיילונג פון וואסער אין דער סביבה ( די ווארצלען וואקסן אין דער ריכטונג פון גרעסערער פייכטקייט(פאזיטיווער הידראטראפיזם); די פרוכטקערפערס פון געוויסע שוואמען וואקסן אין דעם ריכטונג פון קלענערער פייכטקייט(נעגאטיווער הידראטראפיזם).

ה י ד ר אָ י ד ן - <u>די, מצ.</u> (<u>זאאל</u>) א קלאס פון בעלי=חיים (הידרע=ענלעכע).

ה י ד ר אָ כ ל אָ ר – <u>דער, בא.</u> (<u>בעמיע</u>) כעמישע פארבינדונג,

<u>גענויער בנב.</u>

1920 " <u>הידראכלאר</u>=זויערע איז איינע פון די וויכטיקסטע

פארבינדונג פון כלאר און צו דער זעלבער צייט איינער 247

פון די דריי וויכטיקסטע אנארגאנישע זויערן".

<u>פיינסטאון, 1, 132</u>.

ה י ד ר אָ ל אָ ג - <u>דער, =ן</u>. ספעציאַליסט אין הידראָלאָגיע.

ה י ד ר אָ ל אָ ג י ע – די, בא. וויסנשאפט וואס פארנעמט זיך מיט שטודירן די וואסער=שטחים פון דער ערדקויל און מיט דער צירקולאציע פון וואסער.

ה י ד ר אָ ל אָ ג י ש - <u>אדי.</u> שייכדיק צו הידראלאגיע.

% <u>הידראלאגישע</u> פארשונגען.

**הידראָלאָקאַציע** – די, בא. דאס געפינען דאס ארט פון אן אביעקט אונטערן וואסער (זיין ריכטונג, דיסטאנץ) דורך קלאנגיקער באשטימונג.

ה י ד ר אָ ל י ז – דער, בא. (כעמיע) די כעמישע קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן וואסער און פארשיידענע שטאפן, דערביי צעפאלט זיך דער צונויפגעזעצטער שטאל אויף צוויי אדער מער נייע שטאפן.

|טערמינאלאגיע כעמיע, ווילנע 1921|.

ה י ד ר אָ ל י ז י ר ן - <u>טרוו.</u> דורכפירן דעם פראצעס

פון הידראליז.

ה י ד ר אָ מ אַ נ ט י ע - די, בא. סטוטש 345 | בנב.

ה י ד ר אָ מ ע ד ו ז ע - די, =ס. (זאאל) פריי שווימענדיקע

געשלעכטלעכע פארמעס פון הידראידן.

ה י ד ר אָ מ ע ט אַ ל ו ר ג י ע – דאס ארויסבאקומען מעטאלן
פון ארצן אדער פאבריקאציע=אפפאל מיט דער הילף פון
וואַסער=צעלאזונגען פון פארשיידענע כעמישע שטאפן.

ה י ד ר אָ מ ע ט אַ ל ו ר ג י ש – אדי.

שייכדיק צו הידראמעטאלורגיע.

% הידראמעטאלורגישע פראצעסן.

ה י ד ר אָ מ ע ט ע אָ ר - דער, =ן, ס׳רוב מצ. פראדוקט פון קאנדענסאציע פון וואסערדאמף אין דער אטמאספער.

% וואלקנס, נעפלען זיינען הידראמעטעארן.

הידראָמעטעאָראָלאָגיש - אדי.

שייכדיק צו הידראמעטעאר.

% אין דער הידראמעטעאראלאגישע סטאנציע מעסט מען די צאל אטמאספערישע אפזאצן.

ה י ד ר אָ מ ע ט ר י ע  –  די, בא. די לערע וואס פארנעמט זיך מיט דער מעסטונג פון ליפיקע וואסערן.

ה י ד ר אָ מ ע ט ר י ש - אדי. שייכדיק צו הידראמעטריע.

% אין דער הידראמעטרישער סטאנציע מעסט מען דעם ניוואָ פון וואסער אין די טייכן.

ה י ד ר אָ מ ע כ אַ נ י ק – די, בא. וויסנשאַפט, וואָס
פאַרנעמט זיך מיט דער גלײַכוואג (סטאַטיק) און באַוועגונג
(דינאַמיק) פון פליסיקייטן.

## ה י ד ר א נ ט – דער, =ן.

1. קלײנער אפּצװײַג פון דער אלגעמײנער װאסער=לײטונג, ארויסגעפירט איבער דער אייבערפלאך פון דער גאס אין צוטריטלעכע ערטער, מיט א קראן צום עפענען אין פאל פון א נויטװענדיקייט(ס׳רוב ביי א שריפה).

2. א לאנגע גומירער פארבונדן צו דער װאסער=לײטונג, דינט צו באגיסן די גאסן, גערטנער אד״גל.

1947 " דער הידראנט אין דרויסן האט געארבעט געהארכזאם, אלע זיינע געשטאנען אויסגענעצט, ווי די קעץ |...|". 266

יזב 8, 214.

ה י ד ר אָ ס ט אַ ט י ק – די, בא. די וויסנשאפט וואס פארנעמט זיך מיט דער גלייכוואג פון פליסיקייט, ווי אויך מיט דער גלייכוואג פון סאלידע קערפערס פארזונקענע אין א פליסיקייט.

|טעמינאלאגיע פיזיק, פער 128, ווילנע, 1920|.

ה י ד ר אָ ס ט אַ ט י ש – אדי. שייכדיק צו הידראסטאטיק.

% <u>הידראסטאטישער</u> דרוק. <u>הידראסטאטישע</u> וואג.

ה י ד ר אָ ס ט אַ צ י ע – די, =ס.|סטוטש 223|. בנב.

ה י ד ר אָ ס פ ע ר ( ע ) - <u>די, בא.</u> די וואסער- ספערע
פון דער ערדקויל, דער אלגעמיינער באשטאנד פון די וואסערן
אויף דער ערד (אקעאנען, ימען, אזיערעס, טייכן ).

ה י ד ר אָ ס ק אָ פ  -  <u>דער, =ן</u> |סטוטש 71| וואסער=זייגער

<u>געגויער בנב.</u>

ה י ד ר <u>אָ</u> ע ל ע ק ט ר י ש - <u>אדי</u>. (<u>וועגן עלעקטרע</u>)

וואס באקומט זיך דורך/פון דער ענערגיע פון וואסער=אראפפאל.

% <u>הידראעלעקטרישע</u> סטאנציע.

ה י ד ר אָ ע נ ל ע ך - אדי. ענלעך צו א הידרע.

% הידראענלעכע בעלי=חיים (הידראידן).

ה י ד ר אָ פ א ט י ע - <u>די, בא.</u> דאס היילן מיט וואסער,
ספעציעל מיט שפריצן, קאמפרעסן פון וואסער.

1903 "|...| באקענט זיך מיט דאקוירים, מיט רעצעפטן,
284 |...| <u>הידראפאטיע</u>, מאסאזש |...|".
<u>שלום=עליכם, 23, 75.</u>

1923 "ס'וואלט געווען צו לאנג זיך אפצושטעלן אויף די
283 פארשידענע ווירקונגען, וואס האט דאס |...| וואסער אויפן
קערפער. ס'איז פאראן א גאנצער לימוד וועגן וואסער=היילונג
(<u>הידראפאטיע</u>)".
<u>פער 151, נ' 7 - 8.</u>

ה י ד ר אָ פּ אַ ט י ש – <u>אדי.</u> שייכדיק צו הידראפּאַטיע.

% <u>הידראפּאַטישע</u> מעטאָדן.

1866 " |...| בכלל ווערן אין שפּיטאָל טיפוס=קראַנקע געשווינד

געהיילט. מען קורירט זיי דאָרט מייסטנס <u>הידראפּאַטיש</u> 286

(וואַסערקור)".

<u>פער 177, נ' 14, ז' 212.</u>

הידראָפאָביע - די, בא. וואסערשרעק.

(אנשטעקנדיקע גייסטיקע קראנקייט, ווערט איבערגעגעבן

דורך א ביס פון א משוגענעם בעל=חי (ס׳רוב פון א הונט).

1917 " |...| זיי אלע ליידן פון א מין הידראפאביע און

דעריבער האבן זיי מורא איינצוואשן זיך מיט וואסער". 293

י. גארדין, 13, 28.

ה י ד ר אָ פ אָ ן - דער, =ען. אפאראט אויפצוכאפן קלאנגען=
כוואליעס וואס פארשפרייטן זיך אין וואסער, דינט צו
לאקאליזירן אויפן און אונטערן וואסער אד"גל.

ה י ד ר אָ פ י ט – <u>דער, =ן.</u> <u>(באט)</u>

געוויקס וואס וואקסט אין וואסער.

ה י ד ר אָ פ ל א ן  –  דער, =ען. עראפלאן וואס האט א געהעריקע
אײנריכטונג צו קענען זיך אויפהײבן פון א וואסער=שטח
און אראפלאזן זיך אויף אים.

1930 " פארט איר כאטש אויף א הידראפלאן? – וואס איז דאס?
– אי א זיך אי אן עראפלאן".
ווייסענבערג, 7, 169.

ה י ד ר א צ י ק ל - דער, בא. |סטוטש 175|. בנב.

ה י ד ר א ק ט׳י ל – דער, בא. (כעמיע)

ספעציעלע אטאם גרופע, וואס באשטייט פון איין אטאם

זויערשטאף און איין אטאם וואסערשטאף.

|טערמינאלאגיע כעמיע, ווילנע 1921|.

ה י ד ר י ד - דער, =ן. (כעמיע) פארבינדונג פון א מעטאל מיט וואסערשטאף (למשל, מיט נאטריום, קאליום א"א).

ה י ד ר י ר ו נ ג - דזוו הידראגעניזאציע.

ה י ד ר י ר ן - דזוו הידראגעניזירן.

ה י ד ר ע - די, =ס.

1. איך דער גריכישער מיטאלאגיע - א ריזיק פארזעעניש מיט פיל קעפ, וואס פלעגן צוריק אפוואקסן נאכן אפשניידן זיי. אבער דער העלד הערקולעס האט עס דאך דערהרגעט.

2. (זאאל) קליינער פאליפ פון דער משפחה בויך=חללדיקע.

% זיסוואסערדיקע הידרע. ים=וואסערדיקע הידרע.

1924 " די גרינע אדער די ברוינע הידרעס זיצן אויף וואסער=געוויקסן אדער אויף אנדערע זאכן, וואס ווערן תמיד באשווענקט מיט זיסן וואסער, זיך פעסט אנהאלטנדיק מיט איין עק פון זייער צילינדרישן קערפער, ביים צווייטן עק פון דעם הידרע=קערפער געפינען זיך 10 - 12 דינע פעדעמלעך, ווי הערעלעך, די אזוי גערופענע הענט אדער טאפערס |...|." 328

איבז איסעל, 1, 173.

1931 " די הידרע פארמערט זיך אי אומגעשלעכטלעך, דורך א
פראצעס ענלעך צו שפאלטונג, אי געשלעכטלעך |...|". 329
בלום, 1, 44.

3. (פיג) פארזעעניש, מאנסטער.

1944 " א פופציק=קאפיקע הידרע מיט הונדערט פארשיידנארטיקע
ארעמס האט גענישטערט און געשלאגן זיך איבער יעדן 326
פארקייקלטן שטיינדעלע".
שניאור, 8, 128.

1947 " |...| די ציג איז מסתמא // מגולגל געווארן
אין אַ גרויליקער הידרע // און יאגט זיך כסדר נאך 331
גדליהס נשמה".
סוצקעווער, 3, 484.

4. (פיג) בייזער כוח.

1970 " |...| אנטעק האט געזאגט מיט אן אנטשלאסענעם טאן:

325 מען מוז דער אנטיסעמיטישער הידרע ארונטערדרייען דעם

קאפ |...|".

א. פייוולאוויטש, יזב 7, 169.

ה י ד ר ע ן = פ י ד ר ע ן - פר. (שש) פלאנטער, צעדרייעניש, אומארדענונג.

% צוליבן איבערקלייבן זיך אין א נייער דירה איז אין שטוב געווארן אלץ צעווארפן, צעמישט, היידרעך=פידרעך.

ה י ה  א ד ם  ב צ א ת ך  ו י ה ו ד י  ב א ה ל י ך

|העיע אדאם בעצייסעכא וועיעהודי בעאהאלעכא| -/פֿר.

געמיינט:זיי א מענטש און גאס און א ייד ביי זיך אין שטוב.
לאזונג פון געוויסע משכילים פון XIX י"ה.(צום ערשטן
ארויסגעזאגט דורך י.ל. גארדאן).וואס האבן געפרעדיקט
די איסעע, אז יידן דארפן אין דרויסן, פאר דער וועלט
ניט אויסטיילן זיך פון ניט=יידן(מיטן אנטאן,שפראך,
אויפפיר אד"גל).

היה הווה ויהיה |האיא, הויווע וועיהיע| - (לל)

ער איז געווען, איז און וועט זיין - אטריבוטן פון גאט.

1966 " |...| די חכמים האבן אזוי ארום זיך באמיט איינוקריצן

די אמונה אין אחדות אלוקות, דאס גלייבן אין דעם

'היה, הווה ויהה'".

פ. בן=אליהו, פער 3/IV.69.

ה י ו ר נ י א ק - דער, =עס.

1. דזוו הירוניק, ב"ב 1 - 3.

2. (זאאל) מיסטזשוך (ווסנ

ה י וו נ י ק - דער, =עס. (שש).

1. שטיקל צואה (פון פערד, בהמות, ציגן).

1960 " |...| מען האט איר נאכגעווארפן קאטשאנעס פון קרוי,
פארפוילטע באראבולעס און היווניקעס". 11
טיגער, 1.

2. (שש, ביטול) א קליינינקייט, א נישטיקייט, א גארנישט.

1864 " |...| נאר דאס אלצדינג אבער איז אלץ גארנישט,
א היווניק אקעגן דעם וואס דו וועסט לייזן ערשט שפעטער, 12
באם |=אויב| עס וועט מיר נישט איינגיין מיין הסברה".
מענדעלע, ציט אויסג נ"י 1910.

3. (שש) זידלווארט פאר א שמוציקן מענטשן.

ה׳ י ו ע ל ט י ק - אדי/אדוו. (שנש) פון דער (ערדישער) וועלט |אהרן צייטלין|.

........................................................

רעד:(קיין ציטאטע איז אויפן קארטל ניטא, נאר דאס ווארט און אן אנווייז אויף צייטלינען).

........................................................

הי = ה י ( = ה י ) ! - אינט. קלאנגען ארויסגעבראכט ביי

א שטילן געלעכטער. פּפּ כי=כי=כי.

ה י ה י ק ע ן – אוטוו. פאר געהיהיקעט, פפֿ כיכיקען.

לאכן, ארויסברענגענדיק: די קלאנגען הי = הי.

% נאר מע לאכט, נאר מע היהיקעט – וואס איז דאס געלעכטער

אויף אייך?.

ה י ה  ל א  ת ה י ה |האיע לוי סיע| - פר.

טייטש: (לל) ס'וועט ניט זיין, ס'וועט ניט געשען, דאס וועט ניט גיין, ס'איז אויסגעשלאסן.

% ער וויל פארן שטודירן? - היו לא תהיה! און זאל ער זיך דאס ארויסשלאגן פון קאפ.

1965 " היה לא תהיה, עס וועט ניט פאסירן, עס וועט ניט קומען דערצו".

ח. גראדע, פער 69, 19/II.

(?נ?) ה י ו ל י - אדי. (לל) ערשטיק, אוראלט. עברית:היולי.

1957 " |...| אלע, וואס לערנען חסידות, ווייסן |...|

14 אז דאס איז כלל ניט דער ענין פון מציאות, דאס איז ניט

מער ווי היולי |...|".

איבז אנ, ליקוטי דיבורים, דף קל"מ.

ה י ו ם |האיוים/האיעם| - (לק) טייטש:היינט, היינט צו טאג געניצט אין א צאל פראזן:

נאך אלע היומס |האיעמס| - נאך אלעמען, שפעט, פארשפעטיקט. (נעמט זיך פון ווארט "היום", דאס ערשטע ווארט פון א תפילה וואס ווערט געזאגט צום סוף פון ימים=נוראימדיק דאווענען, די תפילה האט זיבן פערזן, יעדער הייבט זיך אן מיטן ווארט היום: היום תאמצנו, היום תברכנו אאז"וו).

ער איז שוין געקומען נאך אלע היומס.

1895 " |...| שוין נאך די אביסקעס |=רעוויזיעס| |...| און נאך דער אטשנע סטאווקע |=קאנפראנטאציע| צווישן רחלען 17
מיטן רבינס זון |...| און שוין נאך אלע היומס וועט איר זען די עוונות, אימשטיינס געזאגט".

לינייעצקי, 9, 173.

1909 " |...| ערשט העט נאך אלע הימים האבן זיי זיך

16 באוויזן |...|".

שלום=עליכם, 21, 214.

1966 " איר דרייט זיך נאך ארום אויף דעם עולם הדמיון,

20 און ביי מיר איז שוין נאך אלע הימים".

באשעוויס, פער 155, X!/2.

פאר אלע הימים - פרי, צו פרי.

היום הרת עולם |האיום הארא אוילאם| - (פר) טייטש:

1. היינט איז דער געבוירנטאג פון דער וועלט -ערשטע ווערטער פון א ימים=נוראימדיקן פיוט, געזאגט איטלעכס מאל נאך שופר בלאזן.

2. (פיג,לל) היינט איז דער וויכטיקסטער טאג, דער וויכטיקסטער מאמענט, היינט/איצט וועט (מוז) עפעס וויכטיקס פארקומען, ס'איז א דעצידירנדיקער מאמענט.

% <u>היום הרת עולם</u> - היינט וועט קלאר ווערן צי ס׳וועט זיין מלחמה אדער ניט.

1958 " |...| פארשטיי: ס׳איז <u>היום הרת עולם</u>".

<u>ל. פיינבערג, ציט פער 38, נ׳ 31, ז׳ 233</u>. 32

---

<u>רעד:</u> געפינען און דערגאנצן די ציטאטע! - קיין אנדער האב איך ניט.

---

<u>היום כאן ומחר בקבר</u> |האיום קאן אומאכאר בעקייווער| - <u>טייטש</u>: היינט איז מען דא און מארגן אין קבר, געניצט ווען מען וויל זאגן אז דאס לעבן איז קורץ און מע דארף געניסן פון לעבן כל=זמן מע לעבט, אז אלץ איז פאר געגנגלעך.

<u>היום כאן ומחר ויברח</u> |~וואיווראך| - געזאגט שפאסיק וועגן אן אנזעצער.

<u>היום כאן ומחר בבאן</u> | ~ בעבאן | - שפאסיק וועגן א ניט אייגגעזעטענעם מענטשן, וועגן יידן וואס וואנדרעווען תמיד <u>אד"גל.</u>

1918 " צו מפטיר יונה באציט זיך פאלגנדער שיינער אנעקדאט וועלכער באצייכנט מיט קורצע ווערטער דאס גאנצע לופטיקע 35
לעבן פונעם גלות=יידן, וואס <u>היום כאן ומחר בבאן</u> |...|".
<u>עלזעט, 2א, 66.</u>

<u>היום קצר והמלאכה מרובה</u> |היוים קאצאר וועהאמלאכא מערובא| - - <u>טייטש</u>: דער טאג איז קורץ און ארבעט איז דא א סך |<u>פרקי אבות, ב - ט"ו</u>|.

(<u>לל</u>) <u>דער מיין</u>: מע דארף זיך צואיילן, ס׳איז דא א סך וואס צו טאן; אויך אין טיפערן, פילאזאפישן זינען: דאס לעבן איז קורץ און מע דארף זען אויפטאן וואס מער (וועגן לערנען תורה, מעשים=טובים <u>אד"גל</u>).

ה י ו צ א |האיויצע| - <u>טייטש:</u> (וואס) קומט ארויס,(וואס) איז

דער אויספיר, איז געדרונגען. געניצט ס'רוב אין א צאל

באהעפטן, אפט סובסטאנטיווירט.

1920 " היוצא, אז אין דער נאטור קומט פאר א גרויסער

ארומקרייז |...|: דער מענטש און די בעלי=חיים עטעמען 38

ארויס קוילנ=זויערגאז, די געוויקסן זאפן אים איין און

טיילן ארויס זויערשטאף, וועלכן עס טעמען |...| דער מענטש

און בעל=חי".

<u>איבז האכבערג, 1, 180.</u>

<u>היוצא לנו (מזה)</u> |~ לאנו (מיזע)| - דערפון דרינגען מיר

/מאכן מיר דעם אויספיר. סובסטאנטיווירט: <u>דער היוצא</u>

|...| דער רעזולטאט, דער אויספיר.

1868 " <u>היוצא לנו מזה</u>, מיט דעם דראב דעם אפיקורס פארגלייכט

דער מחבר אונדזער בעש"ט ז"ל |...|". 43

<u>ה. מלמד, פער 177, נ' 40, ז' 293.</u>

1900 " |...| און דער שניידער נעבעך?... און דער [illegible] היוצא לנו מזה? |...| - וועט פרעגן דער לעזער, צווינגט מיך נישט, קינדער! דער סוף איז געווען נישט קיין גוטער סוף".

שלום=עליכם, 27, 68.

1967 " דער היוצא לנו מזה - איז, אז מיר קענען באשיימפערלעך זען, ווי עס פירט אלארע, בכיוונדיקע ליניע פון א ירושהדיקן המשך פון דער אלטער ליטעראטור |...| ביז צו די סימבאליש פאלקסטימלעכע שאפונגען פון פרצן אין זיינע בני=דור".

י. מייטליס, פער 38, נ' 61, ז' 74.

היוצה מזה |~ מיזע| - קומט אויס פון/לויט דעם, איז דער אויספיר דערפון.

... "  <u>היוצא מזה</u>: אל תבתחו בנדיבים... און אין דער טויטער

49 שטילקייט דערהערט זיך: – א פעלדגעריכט איז געקומען |...|".

<u>פרץ, 11, 66.</u>

<u>היוצא מדברנו</u> |~ מידווארייני| – איז דער אויספיר פון

אונדזערע רייד.

1912 " <u>היוצא מדברינו</u> איז, אז דער סאציאליסטישער ענדציל

46 דארף, לויט מארקסן, ניט אנגעזען ווערן ווי א וועלכער

עס איז איגעאלער צושטאנד".

<u>זשיטלאווסקי, 3, 169.</u>

ה י ר ת|העיוס| - קאנ פון סיבה, קומט פארן סיבה=בייזאץ

אין א סובארדינירט צונויפגעזעצן זאץ. באטייט:

אזוי ווי, אננעמענדיק אז... נעמענדיק אין באטראכט,אז...

% היות דער ווינטער איז א קאלטער, דארף מען מער הייצן.

היות די מערהייט איז געווען קעגן, איז די רעזאלוציע

דורכגעפאלן.

1906 " |...| היות אין פסוק שטייט: אין אדם בארץ יחיה |...| -

52 זאל מען דעם כעלעמער רב איבערגעבן ין בעל=דברס רשות |...|".

פרץ, 17, 352.

1919 " היות ווי די פראלעטאריאטן פון די וויכטיקסטע

57 פעלקער האבן אזוי מיאוס צעבלוטיקט איינער דעם אנדערן אין

דעם איצטיקן קריג, וועלן זיי מער גאר ניט וועלן אנקוקן

איינער דעם אנדערן".

זשיטלאווסקי, 9, 192.

1974 " <u>היות</u> עס איז דא א ברירה צווישן רוחניות און גשמיות,

האט אהרן צייטלין דורך זיין לעבן און שאפן, אויסדערוויילט 57/1

דעם גאנג פון רוחניות".

<u>א. פאזי, פער 38, נ' 82, ז' 92.</u>

ה י = ז יי ע נ ד י ק יי ט - די, בא. (שנש) דא=וועלטיקייט, דאיקייט.

........................................................

**רעד:** דאס קארטל גיט אן דעם מחבר אהרן צייטלין אבער אן ציטאט. 65

........................................................

ה י ז י ק – אדי/אדוו. פון הי, פון דאנען, פון אט דעם
ארט, ניט קיין פרעמדער; היג(ע/ר).

% היזיקע איינוווינער.

... " דער היזיגער חזן איזט עבען יעצט געוויזען בא
מיר |...|". 75/1

וועלוועלע זבארזשער, ציט פער 162, ז׳ 12.

1885 " |...| דעריבער באשטייט די העלפט היזיקע |אדעסער|
יידן פון קרעמערס |...| טענדלערס און מעקלערס". 68

פער 74, נ׳ 14, ז׳ 210.

1900 " איך דערקען. אין אייך, אז איר זייט נישט קיין היזיקער".
אלפס, 1, 6. 72

1914 " די פרויען – עלעגאנט געקליידט, פיינע געזיכטסצוגע,
נאר אטוואס ברוינלעך. א וואיטע אפשפיגלונג פון דאס 73
היזיקע איינגעבארענע".
הירשביין, 1.

2. (פיג) פון דער וועלט, ניט געשטארבן.

1964 " עס באווייזן זיך סימנים, אז די קראנקע פארבלייבט
נאך דערווייל א היזיקע, זי קערט זיך אום צום לעבן". 75

מעזשעריצקי, 1.

ה י ז ק |העזעק| - <u>דער, =ות</u> |העזייקעס| שאדן, אנווער.

(פארקערט פון ריווח, פארדינסט).

% האבן <u>היזק</u>. ליידן <u>היזק</u>. (אנ)מאכן (א)<u>היזק</u>. אנטאן א <u>היזק</u>.

ברענגען (צו) גרויסע <u>היזקות</u>. די פארפלייצונג האט

געבראכט גרויסע <u>היזקות</u>. די בהמה איז אריין אין <u>היזק</u>,

האט צעטראטן א שטיק גארטן. די קראם ברענגט ניט קיין

ריווח נאר <u>היזק</u>.

|אנהייב XIX| " |...| און זיי האבן אצינד דערזען,// דער

<u>היזק</u> איז ניט גרויס געווען". 80

<u>עטינגער, 3, 91</u>.

1895 " |...| די פויערים אבער סערוויטוטן: זיי קומט די

צווייגן, וואס פאלן אראפ פון די ביימער, וואס א דונער

דערשלאגט... נ׳, אז מע האקט אויס דעם וואלד, האבן זיי

דאך <u>היזק</u>".

<u>פרץ, 17, 140</u>.

1919 "אויב אפילו דער גאנצער אלטער אסימילאטארישער דור

91 זאל גיין פארלארן פאר אונדז, וועט דאס געוויס זיין א

היזק, אבער שוין ניט גאר קיין געפערלעכער".

זשיטלאווסקי, 10, 195.

1973 "|...| טאמער וועט א ינער פון די צדדים צוליבן

101 גרויסן היזק - צי געווין - נכשל ווערן, לייגט דעריבער

דער רב פאר א פשרה".

בלומענטאל, 1, 1, 118.

0 היזק=געלט - דאס, בא. פארגיטיקונג פאר א היזק, אימדעמניזאציע, (דטשמ) אנטשעדיקונג.

ל גיין אין היזק - ווערן געשעדיקט, קאליע/פארלוירן ווערן.

קריכן אין היזק - אריינגיין אין א מיסחר, ענין, וואס וועט ברענגען היזק, שאדן.

קולקע וועט האבן איין היזק און איך דעם אנדערן |סטוטש 495|.

שפאטיש וועגן א שוואכן עסק, געשעפט.

ער האט געהאט א היזק 365 מאל אזוי פיל - (איר) וועגן

איינעם וואס ענטפערט ניט אויף קיין "גוט=מארגן"

ווייל מ'וואלט דאך אים צוריקגעענטפערט "גוט=יאר".

שור:

אז סע גייט ניט אין היזק, זוכט זיך עס אפ.

היזק פון האנט איז אויך א ריווח - דער וואס האט א היזק

האט נאך אך עבירה אויך (ווייל ער קאן א מאל חושד זיין

אן אומשולדיקן),

ם סוף XVII " דען ער ע"ה האט זיך איין נערישקייט אין גבילט

108 דאס זולכיש זייני קינדר מויכט הזיק טון דאז מאן

זולט זאגין דאז זולכיש בירושה ווער".

גליקל האמל, ז' 196.

1743 " |...| דרום גיהערט דער מענש ניט ברוגז זיין ווער

ער איין שאדין איין נעמט אונ' הט היזוק אך זיין געלט".

קב הישר 2, דף ל"ח.

ה י ז ק ד י ק - <u>אדי/אדור.</u> וואס איז גורם היזק.

% דאס געשעפט איז היזקדיק, ברענגט ניט קיין פארדינסט.

(?נ?) ה י ז ק ל ע ך - אדי/אדוו. דזוו דפוו |מארק ווב 1733|.

ה י ט ! - די, מצ פון הוט (קאפעלוש, פרויען=קאפצודעק).

(?נ?) ם ה י ט !! - די, =ן. בײדל, געצעלט, איבערדעק.

1541 " |...| אז איין אױזניגי |=אומזיניקע| זי אין דער
701 הויטן אום לויף".

באבא=בוך, סטר' 482.

1679 "אברהם אײלט זיך אין די היטן צו שרה |...|".
335/1 בליץ, בראשית, יח - ו' |תי: געצעלט|.

1713 " |...| דיא היט פון דוד ריכט אויף אונ' דיא איין
335 ברעכר איר צוים פר ווישט |...|".

מחזור, 1, דף נ"ה.

(?נ?) ה י ט !!! – (אמ) אין דער פראזע:

/7 מאכן א היט – (טעאטער=לשון) האבן הצלחה מיט א ספעקטאקל.

|1926 – 1931| " |...| מיט אייער ארט שרייבן, וואלט איר

336 אין העברעיש געמאכט א 'היט'".

אפאטאשו, 7, 121.

ה י ט IV - די, |מצ?| דזוו הוטע |סטוטש 217|.

ה י ט ב |הייטעוו| - אדוו. (לל און אויך בלשון סגי=נהור) גוט.

% ס'איז היטב, ס'איז א מציאה, באצאל און גיי אוועק.

... " זע שוין אז ס'איז ניט היטב, אז מען טאר ניט שווייגן".

פרץ, דער' "יוחנן מלמד".

0 היטב ומטיב |~ אומייטעוו| - פר. (לל) גוטס שבגוטס.

% וואס פעלט אונדזער גביר? ער האט היטב ומטיב!

ה י ט ו ו אָ ר ט – דאָס, ~ ווערטער. (דרוקעריי) דאָס ערשטע וואָרט פון קומענדיקן זייטל, געשטעלט ביים סוף פון פריערדיקן זייטל פון א בוך (אין אמאליקע דרוקן).

... "עס זענען סך=הכל 4 בלעטלעך – אכט אומפּאַגינירטע זייטן (זאצשפּיגל, אן קאַפּ=שורה און היטוואָרט) |...|". 695

נ. פּרילוצקי, פּער 94, נ' IIIX, 1 – 2 |?|.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש.

ה י ט ל - דאס/די, =ען/ (זן) היטלען, פֿקפֿ היטעלע.

1. קאפצודעק פון מענער, פון פארשיידענעם פאסאן, ס׳רוב קיילעכיק, מיט א דאשעק, אן ראנדן (ניט קיין קאפעליוש).

% טראגן א היטל, גיין אין א היטל. גיין אן א היטל. אנטאן דאס היטל. אויסטאן דאס היטל. אראפנעמען/אראפציען דאס היטל. דער חסיד טראגט א זיידן היטל. ווינטער טראגן די קינדער פוטערנע היטלען.

|אנהייב XIX| " צוויי גאנץ גרויסע לייט, צוויי רעגירערס//
זענען דעם חתנס אונטערפירערס,// זיי העלפן אים אנטאן דעם 386
קיטל// און די שיינע יום=כיפור=היטל".
עטינגער, 3, 15.

1873 "וואשע בלאגאראדיע! זאגסטו צו אים און נעמסט אראפ
דאס היטל". 409
מענדעלע, 1, קאנק 90390.

1906 " |...| ביי דער קעלניע |...| שטייט, אן א בייטש

392 אין דער האנט, איך א היטל מיט לאפן, א שמייסער |...|".

פּרץ, 17, 354.

1972 " |...| א ייד מיט א צעבלאזענער קאפאטע, מיטן קיילעכיקן

392/1 היטל פאררוקט איבערן שטערן, האט געשפרייזט מיט א קענדל

וואסער |...|".

ראזענפארב, 3, 96.

2. וועגן עפעס וואס איז ענלעך צו א היטל אדער קאפעליוש, למשל דוס קעפל פון געוויסע שוואמען.

1920 " דער שאמפיניאן זעט אויס ווי א שירעם, ער באשטייט

436 פון א פיסל און פון א פלאטשיק בולטן היטל |...|,

דעריבער רופט מען אזוינע שוועמלעך "היטל=שוועמלעך".

איבז האכבערג, 1, 145.

1925 " |...| יעדעס פלעשל מוז מען גוט פארמאכן, דערצו

431 נעמט מען |...| אזא <u>היטעלע</u> פון גומי, וואס מען ציט

ארויף אויף דער עפענונג פון פלעשל".

<u>פער 151, נ׳ 8.</u>

3. (<u>עלט</u>) א בלאק פון ה<u>א</u>רטן צוקער אין דער פארעם פון א קאנוס.

(אזוי האבן אויך אויסגעזעען געוויסע אמאליקע שפיציקע היטלען).

1868 " מיר האבן בשלום געמאכט דאס קלייטל, איינגעקויפט

454 אלע מינים, היינו: עטלעכע <u>היטלען</u> צוקער, |...| טיי,

קאווע, זייף, ציקאריע |...|".

<u>ח. מלמד, פער 177, נ׳ 40, ז׳ 290.</u>

1931-1926 " ער האט מיר געגעבן טויזנט מארק. |...| איך

448 האב זיך געקויפט א פעקל טיי און א <u>היטל</u> צוקער".

<u>אפאטאשו, 12, 50.</u>

1970 " כ'דארף א היטל צוקער פאר מיין הויזגעזינד |...|".

מאלאדאווסקי, 4, 95. 450

0 היטלדאך - דער, ~דעכער. שטרויענער דאך פון געוויסע הייזלעך. האבן אין אויסזען דערמאנט די פארעם פון א היטל.

1950 " די פאר נידעריקע ליימווענט, היימווענט// מיטן

אלטן מאכעוואטן היטלדאך |...|". 437

סיגאל, 3, 117.

היטל=מאכער - דער, =ס. זבז.

היטל=פאבריק - די, =ן. פאבריק פון היטלען.

1947 " צו די מארקוספעלדס האבן אויך געהערט |...| א הוט=

און היטל=פאבריק |...|". 445

יזב 8, 49.

היטל=צוקער - דער, בא. דזוו היטל, ב' 3.

היטל=קירזשנער - דער, =ס. קירזשנער, וואס מאכט היטלען (צום אונטערשיידן פון אזא וואס מאכט פעלצן).

היטל=קירזשנעריי - דאס, בא. דאס פארנעמען זיך מיט מאכן היטלען.

1960 " |...| היטל=קירזשנעריי, א פאך וואס באגרענעצט ניט בלויז מיט מאכן היט און היטלען פון פעלץ, נאר אויך פון אלע אנדערע שטאפן". 456

ל. זאמעט, פער 90, נ' XX - 3.

איטשע=מאיער=היטעלע - היטל וואס גערער חסידים אין פוילן האבן געטראגן(לויט איטשע=מאיר, דער נאמען פון א סך גערער רביים).

1931 " איין בילד איז פון עלטערע מענטשן - טאטע=מאמע:

ער איז א ייד מיט א ברייטער בארד, אין א איטשע=מאיער=היטעלע|...!" 385

ברעגמאן, 1, 287.

וועלאסיפעדנע היטל - היטל פון ציקליסטן, אריין שפעטער אין דער מאדע און א סך מענער האבן דאס געטראגן.

יידיש היטל - שווארץ קיילעכדיק היטל מיט א נידעריקן דענעק, און קורץ דאשיקל געטראגן דורך פוילישע פרומע יידן אין סוף XIX און XX י"ה.

לכה=דודי=היטל - " א שבתדיק היטל, אין וועלכן מע זעט אויס גראטעסק" |קטוו|.

מתושלחס היטל - אלטמאדיש אדער זייער אפגעטראגן היטל.

פוניע=היטל - "אזוי האט מען גערופן א ן גאליציע די ישיבה=היטעלעך, דערפאר ווייל מען האט עס געטראגן אין רוסיש פוילן" |קטוו|.

<u>קלאפאווע היטל</u> – א היטל מיט צוויי אראפהענגענדיקע עקן
אין די זייטן צו פארדעקן די אויערן.

1899 " א יידיש <u>קלאפאווע היטל</u> איז א וואכעדיק היטל מיט
395 קלאפן, פון ביידע זייטן האט עס אויפגעשטעלטע מיט קליאטשע
אנגעשטאפטע קלאפן".
<u>מענדעלע, 8ב, 20</u>.

<u>קלוג היטעלע</u> – וועגן א קלוג/איבערגעשפיצטן מענטשן.

<u>אויסטאן דאס שעם=היטל/היטעלע</u> – אויפהערן צו שעמען זיך,
קריגן קוראזש.

<u>איבערדרייען דאס היטל</u> – חרטה האבן צוריקציען זיך פון א צוזאגן
עסק.

<u>אנדאנקען א פול היטל</u> – דאנקען עמעצן א סך, גוזמאדיק.

<u>אנדאסן איין היטל ארייין</u> (עמעצן ) (ווהלג) -אפנארן, באשווינדלען.

<u>אנווינטשן א פול היטל</u> - ווינטשן א סך, לאנג.

<u>אנטאן א היטל</u> (עמעצן) - אפנארן, פארפירן.

<u>אנטאן דאס טויבע היטל</u> - מאכן זיך מעוואטע, נישט =ווייסנדיק,
ניט הערנדיק.

<u>אנמאכן איין היטל און איין קיטל</u> (עמעצן) - מיאוס אפנארן, באשווינדלען.

<u>אנמעסטן א היטל</u> (עמעצן) - אפנארן, פארפירן.

<u>אנפייפן איין היטל ארייין</u> - ניט צאלן קיין חובות, אנזעצן(עמעצן),

<u>אנרוקן אויף זיך דאס טויבע היטל</u> - <u>דזוו</u> אנטאן...

<u>אנשלאגן א היטל מיט גאלד</u> - פארדינען אדער געווינען (אין שפיל)
זייער א סך געלט.

<u>דרייען (וואר: דולן, דורען, האקן) א היטל</u> – נודיען.
דערקוטשן מיט רייד, ריידן נארישקייט.

<u>האלטן דאס היטל</u> (פאר עמעצן) – זיין הכנעהדיק, האלטן זיך נידעריק.

<u>ס'איז א היטל מיט געלט</u> – ס'איז זייער א סך געלט.

<u>ס'דרייט זיך אים דאס היטל (אויפן קאפ)</u> –

1) וועגן עמעצן וואס איז גוזמאדיק פֿארנומען, פֿארפארעט, אז ער ווייסט אזש ניט וואס ס'טוט זיך מיט אים.

2) וועגן עמעצן וואס האט א סך זארגן, קלאפאטן.

1943 " |...| ביי ווייניק פארמעגלעכע <u>דרייט זיך</u> שטענדיק <u>דאס היטל</u> פון זארג".
<u>נסתר, 5, 29</u>.

דאס היטל איז ניט פאר זיין קאפ(וואר: ס'איז צו גרויס) -
ער איז ניט ראוי צו פארנעמען אזא (הויכן) פאסטן,
ראל אין א פארטיי, געזעלשאפט.

איך נעם/צי אראפ דאס היטל (פאר עמעצן) - אויסדרוק פון
אנערקענען יענעמס אן אויפטו.

איך לאך פון זיין היטעלע - כ'האב ניט מורא פאר אים,
איך רעכן זיך ננט מיט אים.

איך האק דיר אין היטל - אויסדרוק פון ביטול, אומרעספעקט
צו עמעצן, פון ווילן צו דערנידעריקן.

שוו: אויפן גבב ברענט דאס היטל. אז מע זיצט אן א היטל,
וועפט זיך אויס די תורה.

פאסט די היטעלע צום קאפ, טו זי אן און טראג זיך אפ.

<u>ניט דאס היטל איז פארדרייט, נאר דער קעפ</u> – וועגן א נאר,
אדער א משוגענעם.

ם
<u>היטל.</u>

1706 " |...| צריכה להחזיק תקנות המלבושים |...| ובפרט
405 מלבושי משי וגילדען זילבערן גיברעם על מידערין אויף
<u>היטלער</u> אסור באיסור שעטנז |...|".

<u>פנקס הכשרים של קהלת פוזנא, ציט אויסג׳ ירושלים,תשכ"ז,דף 336</u>.

## ה י ט ל = מ א כ ע ר - דער, =ס.

1. דער וואס מאכט היטלען.

1951 " זעליק דעם היטל=מאכערס קידוש הייבט זיך אן גאר

443/1 פשוט, |...| ווי ס'געהערט צו זיין, אבער באלד פארקריכט

אין בויבעריק |...|".

שניאור, 7, 30.

1971 " |...| ווו. דען זאלן זיי איינשטיין, |...| אין

438 קעלערל ביים היטל=מאכער?".

גראדע, פער 69, III/26.

2. (שגל, אייפעמ) היטלער.

1961 " הא, זיך שוין ארויפגעארבעט |...| - אויפן היטל=מאכער

442 געזאגט!".

|ציט בלומענטאל, פער 90, נ' XXI - 3|.

ה-

|| היטל=מאכעריי - דאס, בא. די באשעפטיקונג צו מאכן היטלען.

1973 " די פרנסה פון די שטעטלדיקע איז געווען שוסטעריי, שניידעריי און היטל=מאכעריי - נאר קיין אפנעמערס זענען נישט געווען". 443

יזב 18, 397.

/7 שור:

ווען דער היטל=מאכער זאל קענען אלע היטלען מאכן אויף איין מאס, וואלט ער ניט געהאט וואס צו זארגן.

ה י ט ל פ ו ל – גענ׳יצט נאר מיטן אומבאשטימיקן ארטיקל אַצ,

"א היטלפּול" – א ביסל, ניט קיין סך [סטוטש 66].

ה י ט ל ע ר - 1. אדאלף היטלער, דער גרינדער און פירער פון דער פאשיסטישער נאציאנאל=סאציאליסטישער פארטיי, וואס האט געהערשט אין דייטשלאנד צווישן 1933- 1954, האט געפרעדיקט די סופעריאריטעט פון דער "נאדישער" ראסע און באזונדערס פון די דייטשן צווישן די פעלקער, האט דערפירט צו דער צווייטער וועלט=מלחמה און צום אומברענגען זעקס מיליאן יידן אין די געטאס און טויטלאגערן פון אייראפע.

1954 " דער טמאדיקער היטלער, ימ"ש, איז דעם דריטן יוני
463 אליין געקומען קיין פינלאנד באגריסן דעם מארשאל
|מאנעהיים| צו זיין 75-יאריקן געבורטסטאג".
י. מילנער, יזב 10, 5 |?|.

1972 " |...| ווען ס'איז געקומען די שעה און <u>היטלער</u> איז
463/1 ארויסגעטראטן מיט זיין דייטשלאנד קעגן דער גאנצער וועלט,
האבן זיי |די דייטשן פון אנדערע לענדער| זיך באקענט
צו דער דייטשער מחנה".
ש. עטינגער, פער 38, נ' 77, ז' 108.

2. באשטימטייל פון א צאל צונויפהעפטן, מיטן באטייט:

פון היטלערן, אנהענגער/ סאלדאטן פון היטלערן.

% <u>היטלער=באנדיטן</u>, <u>היטלער=בארבארן</u>, <u>היטלער=מערדער</u> <u>אאז"ו</u>.

................................................................

<u>רעד:</u>געבן נאך צונויפהעפטן און מיט ציטאטן?

אויב יא – געפינען קארטלעך 488 ביז 506.

................................................................

ה י ט ל ע ר אָ וו ע ץ - דער, מצ.היטלעראווצעס.

דזוו היטלעריסט.

1948 " ווי נאר די היטלעראווצעס פלעגן אריינפאלן אין אן

468 ארומרינגלונג פון ביימער און קוסטעס, פלעגן זיי פארלירן

זייער גאנצע 'העלדישקייט'".

מ. לעוו, 1.

1965 " וואס ראטעוועו? פאר וועמען? פאר די היטלעראווצעס?

470 פאר די פאשיסטן? מע האט דאך דאס אליין בכיוון אונטערגעצודן!

נאטע לוריע, 5, 260.

ה י ט ל ע ר י ז ם - <u>דער, בא.</u> די אידעאלאגיע און
פראקטיק פון היטלערן און זיין פארטיי.

1947 " די שווארצע פליגל פון 'היימישן' פוילישן <u>היטלעריזם</u>
473 האבן שוין געפאכעט איבערן לאנד".
<u>יזב 8, 166.</u>

1955 " |...| ערב דעם אנקום פון דעם גרעסטן שטורעם אויף
472 דער וועלט, דעם פינצטערן <u>היטלעריזם</u> און דעם צווייטן
וועלטקריג".
<u>מ. גינבורג, פער 44, נ' 8, ז' 37.</u>

ה-

ה י ט ל ע ר י ס ט - דער, =ן. אההענגער פון היטלערן און זיין פארטיי, אויך וועגן ברוטאלע סאלדאטן/אפיצירן פון דער דייטשער ארמיי בעתן צווייטן וועלטקריג.

1951 " צוליב די רעפרעסיעס פון די היטלעריסטן האבן געמוזט זיך ליקווידירן א גאנצע ריי אונטערנעמונגען |...|".

פער 106, 1610.

ה י ט ל ע ר י ס ט י ש - אדי. פון די היטלעריסטן,

אויפן שטייגער פון היטלעריסטן.

% די היטלעריסטישע רוצחים.

1954 " דאס איז געווען אין די פאר=מלחמה=יארן, פוילן

484 איז שוין געווען אדורכגעפרעסן מיטן היטלעריסטישן גייסט".

א. פייוולאוויטש, יזב 7, 168.

ה י ט ל ע ר י ש – <u>אדי.</u> פון היטלערן, אויך פון היטלעריסטן.

1947 " זיי אלע צוזאמען, די חלוצים און 'שומרים', רעכטע

485 און לינקע פויעלי=ציון, בונדיסטן און קאמוניסטן, האבן

שפעטער, אין דער שווארצער שעה פון <u>היטלערישער</u> פארטיליקונג,

זיך געגעבן די הענט קעגן דעם דם=שונא".

<u>יזב 8, ז' !X.</u>

ה י ט ל ע ר ן - טרוו? (שנש) פיינ‌יקן, מארדן, אומברענגען.

.................................................................

רעד: דאס קארטל גיט אן ה.ל |לייוויק|. אבער וואסער
ווערק, ליד?

.................................................................

ה י ט ל ש ו ו א ם - דער, =ען, אפט געניצט אין פּקפּ היטלשוועמלער.

1920 " דער שאמפיניאן זעט אויס ווי א שירעם. ער באשטייט פון א פיסל און פון א פלאטשיק בולטן היטל |...|, דעריבער 436

רופט מען אזוינע שוועמלעך 'היטלשוועמלעך'".

איבז האכבערג, 1, 145.

הִיט=מאַכעריִן - די, =ס. פּפּ היטן=מאַכערין.

מייסטערין צו מאכן פרויענהיטן.

1947 " |...| באַזונדער שווער איז די לאגע פון די מיידלעך,

וועלכע ארבעטן ביי וועש, קליידער און פון מאדיסטקעס 458

(היט=מאַכערינס)".

יזב 8, 58.

ה י ט ן = מ א כ ע ר י ן - <---- היט=מאכערין.

ה י ט מ י ט ל - דאס, =ען. מיטל צו פארהיטן זיך פון עפעס.

% היטמיטלען קעגן שוואנגערשאפט.

ארדענונג=היטער. טויער=היטער. בית=עולם=היטער. טורמע=היטער.

(?ב?) היטן I – טרון, פאר געהיט אדער (רעג׳ פוילן) געהיטן.

1. (וועגן מענטשן) גוט אויפפאסן, אכטונג געבן אויף עמעצן, צו פארמיידן פון אים א סכנה, א שאדן, א היזק, אד"גל, פאר אנדערן.

% היטן עמעצן פון/פאר עפעס. היטן פון שלעכטס, פון א צרה. היטן פון קראנקייט, פון אן אנשטעקונג. היטן דאס געזונט. די ניאניע האט געהיט דאס קינד, ס׳זאל ניט ארויספאלן פון פענצטער. היט דעם קאפ פאר א קלאפ אין נידעריקן סופיט! גאט זאל דיך היטן פון אזעלכע שותפים!.

1819 " |...| בשעת די וועסט אין קבר ליגן וועט די תורה טאן דיין גניגן אונ׳ היטן אז קיין שלעכטש וועט איך דיר ניט אן רירן". 526/1

אנ. ס׳ ישרי לב, דף ח.

1889 " |...| האסט מיך געהיט אין סכנות מיט דיין גרויס רחמנות,// מיין גאט, איך בין עס ניט ווערט". 526/2

מ. גארדאן, 2, 64.

1921 " איך <u>היט</u> דא דיין געקרייצטן קאפ // פון הינט,
פון ראבן און באגראבן,// איך גיי ניט אפ קיין טראט". 526/3
<u>מארקיש, 2, 17.</u>

1965 "חנה איז געזעסן ביים וויגל און <u>געהיטן</u> דאס קינד".
<u>קאגאנאווסקי, 4, 26.</u> 563

2. <u>(וועגן מאטעריעלע זאכן, ענינים)</u> גוט אויפפאסן, אכטונג געבן אויף עפעס, ס'זאל ניט געשעדיקט ווערן, ניט קאליע ווערן, ניט פארלוירן גיין, ניט צוגענומען ווערן, ניט ברענגען קיין שאדן אד"גל.

% דער הונט <u>היט</u> די שטוב פון גנבים. דער פאסטעך <u>היט</u> די טשערעדע שאף. די פייערלעשער <u>האבן געהיט</u> דאס פייער זאל זיך ניט פארשפרייטן. זיי <u>היטן</u> גוט זייערע אייגענע געשעפטן. מע דארף <u>היטן</u> די זריעה זאל ניט פארפוילט ווערן. <u>היט</u> גוט די מילך זאל ניט אויסלויפן!

1815 " און זי הט אום |=אים| זייער אן גיזאגט אז ער זאל

539 דס כתב זייער היטן |...|".

186... " |...| אז איינער וויל ערשט קלייבן פייגן פון דעם

532 בום, היט ער אים, אבער אז ער האט שוין אויפגעקליבן,

היט ער אים שוין ניט".

איבז אנ, נחלת צבי, 3, דף קמא/ג.

1893 " |...| און זיי היטן זייערע ביזנעס, זיי דערווייטערן

532/1 די ערלעכע ת"ח זאלן ניט האבן קיין באשטאנד אין גאנץ

מלכות ענגלאנד".

פלאי, 1, 46.

1936 " |...| ערב חשעה=באב זאגט מען: מאביליזאציע...

532/2 ווייסט מען דאך, מען דארף היטן די טעלעגראף=סלופעס...

באשר בכן די דייטשן וועלן קומען |...| און איבערשניידן

די דראטן".

ראשקין, 1, 622.

1946 " ...| געלעגן אונטער די צערוישטע ביימער און געהיטן
532/3 פון גנבים".

טרונק, 4, 242.

3.באווארענען, באשיצן, פארזיכערן פון/קעגן עפעס.

% די פעסטונג האט געהיט די שטאט פון די טאטערישע ארדעס.
די גומענע שטיוול היטן אים פון נעץ. דער פוטער וועט
אים גוט היטן פאר קעלט און ווינטער. ער באגלייט זי צו
היטן פאר מיגלעכע אנפאלערס אין די טונקעלע געסלעך.

186... " בויט איין מענטש איין הויז זאגט הקב"ה:
549 שרייב אויף מיין נאמען און זעץ אים איין אויף דעם טויער,
וועסטו אין איר זיצן אינעווייניק און איך וועל דיך היטן
פון דרויסן".

איבז אנ, נחלת צהי, 3, דף סג/ג.

... " אז דער אייבערשטער היט א שטאט נישט |...| איז |...| 
אומזיסט די מי פון אבי וועלכן שומר". 554

מענדעלע, 121ב, 5.

1943 " די שאטנס, ווי שטילע פאנטאמען, // זיי גייען איר
נאך אירע טריט,// ווי טויזנטער קדושים אן נאמען// פון
שטערן דריי בלאסע געהיט".

איינהארן, 8, 13.

4. קאנטראלירן, אויפפאסן, אכטונג געבן אויף דעם דורכפירן
געוויסע פארשריפטן, תקנות, סדר.

% היטן די ארדענונג. א וועכטער היט דעם ארייַנגאנג אין
פאבריק, לאזט ניט אריין קיין פרעמדע מענטשן. א באזונדער
משגיח היט מע זאל ניט עובר זיין אויף כשרות אין רעסטאראן.
דער באן=קאנטראלער האט געהיטן מע זאל ניט פארן אן בילעטן.

1935 " |...| האט באגונען אכט צו טון אויף דער שחיטה און
591/1 כשרות, געהיטן אז די ווייבער זאלן צו דער צייט
גיין אין מיקווה".
באשעוויס, 1, 16.

1947 " דער מאגיסטראט האט געהיט, אז 'פרעמדע' יידן
591 יידן זאלן זיך דארטן נישט באזעצן, אבער דאס האט זיך
נישט איינגעגעבן".
יזב 8, 14.

1973 " |...| האט אזוי ווי דער פלאץ איז געווען צו קורץ,
591/2 האט מען די ריי געזיגזאגט און |...| אויפזעערס האבן
געהיטן די ארדענונג".
פרייבערג, 1, 379.

5. (ספעצ) האלטן שטענדיקע וואך, באוואכן.

% די סאלדאטן היטן די גרענעץ. די טורמע=וועכטער היטן די ארעסטאנטן.

1893 " וואלט זי געמוזט פארזייען מיט נייע זעלנער
די גאנצע מדינה: ביי יעדן בעט אנידערשטעלן א פאר
קאזאקן איינער <u>זאל היטן</u> דעם צווייטן |...|".
<u>פרץ, 17, 102</u>.

1923 " דער וואכמאן דרייט זיך ארום הין און צוריק אויף דער
גרענעץ און היט |...|". 586/1
<u>ש. לעהמאן, פער 33, 137</u>.

1956 " זיי האבן דארט געהארבעט, געגראבן, און <u>געהיטן האבן</u>
זיי עסטרייכישע סאלדאטן".
<u>באשעוויס, 5, 319</u>.

6. (<u>פיג</u>) קוקן שטארק, מיט חשד, אפווארטן, טשאטעווען.

|1909| " ער <u>האט געהיט</u> דעם מאמענט, ווען רברהמטשיק האט
מיט די סוחרים |גערעדט|". 544/1
<u>בערגעלסאן, 1, 50</u>.

1919 " איך בין ביים וועג געלעגן און געהיט.// דעם אויער

544 אנגעשפאנט אויף יעדער טריט |...|".

יהואש, ליד "מאריטורי סאלוטאמוס".

1968 " |...| האט ר' הירשע פון הינטער זיינע אויגן=גלעזער

קאנק געהיט דעם מנהלס יעדער העוויה |...|".

גראדע, 7, 124.

7. (פיג) גוט געדענקען, איינהאלטן איך זיך, ניט ארויסברענגען.

% היטן אין זכרון. היטן דעם אנדענק פון די קדושים.

דעם סוד האט ער געהיט טיף אין הארצן.

... " א, היט דעם אויפפלאם פון דער יוגנט פון דער יוגנט//

533 פאר וויסטע נעכט און טעג!".

ליעסין.

|1935-1931| " |...| צען יאר האט ער געהיט דעם דאזיקן נאמען,

1/ 537 געכאוועט אים בסוד פון זיך גופא |...|".

מ. קולבאק, 9/8, |וואסער באנד?| 106.

" ירושלים מאכט צו אירע אוונטאויגן,// די בערג פון 1956

יהודה היטן איר מיידלשן טרוים". 537

שומיאטשער, 4, 115.

8. האלטן פאר חשוב, וויכטיק, (אפ)שאצן, נעמען אין אכט.

% היטן דעם כבוד. ער היט זיין צייט, האט ניט ליב צו בטלען.

" |...| זי האט איך אים געהיטן מער די תורה ווי דעם מאן". 1946

טרונק, 4, 298. 537/1

" דער וואס היט זיין רעפוטאציע, שטרעבט צו האבן 1964

א גוטן נאמען |...|, יענער שאפט פאר זיך כבוד ביי אלעמען". 550

איבז א. אלי אבי, פער 69, 15/XI.

9. (פיג) אויפהאלטן, ממשיך זיין, מקיים זיין, קולטיווירן

(מינהגים, טראדיציעס), געבאטן אד"גל.

% היטן דאס געזעץ. היטן די מיצוות פון דער תורה.

היטן כשרות. היטן די ריינקייט פון דער שפראך.

1848 " מיין גיבעט וואש איך בעט איז נאה מייני וועגן

552 זאלן אן גרעכט ווערין צו היטן דיין גיזעץ".

חובות הלבבות, 3, 17.

1881 " |...| דערפאר אבער היט מען שטארק דעם דאזיקן

547 מינהג:עסן |ערב יום=כיפור| א גוטן מיטאג, און אין דער

יויך מוז זיין קרעפלעך |...|".

שאצקעס, 1, 51.

1908 " דיין גאט בין איך, פאלג מיך און היט מיין געבאט".

547/1 ראזענפעלד, 2, 186.

1951 " די ווייסרוסן האבן אויך געהיטן (און ביז היינט)

541 זייערע מיטאלאגישע לעגענדעס און לידער".

א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 322.

פּפּ: 17

היטן: ווי דאס אויג (וואר: ווי די אויגן) אין קאפ, דאס אויגאפל,
ווי דאס שווארצאפל פון אויג. ווי א כלה נאך דער חופה.
ווי א קימפעטארין. ווי דעם זיוויג - שטארק היטן אין ב׳ 1.

1898 " |...| דאבט זיך, געהיט ווי אן אויג אין קאפ, נישט
ארויסגעלאזט אן א שאלעכל אויפן האלדז, נישט ארומגעלאפן |...|".
פרץ, 17, 265.

1940 " |...| היט אים, ווי דיין אויגאפל |...|".
סוצקעווער, " וואלדיקס". 559

היטן: ווי אן עופעלע (וואר: א זיבעלע). ווי א בן=זקונימל.
ווי אן אייגן (וואר: איין=איינציק) קינד - שטארק
זארגן, פילנעווען, ציטערן איבער דעם.

היטן: ווי א (שטיק) גאלד. ווי אן אבן=טוב, ווי א דימענט/
בריליאנט, ווי די פערל - שטארק היטן אין ב׳ 2,אויך אין ב׳8,

היטן: ווי א (קארפירער) אתרוב. ווי איך וואטע. ווי איך א זיידן פאפירעלע - באגייך זיך דערמיט אידל, דעליקאט, ניט צו שעדיקן.

היטן ווי א(געטרייער) הונט - געטריי און שטענדיק היטן.

היטן ווי א הונט א ביין - ניט צולאזן קיינעם, קארגן.

היטן ווי יורקע דאס פלעשל בראנפן -

---

היטן מיט זיבן (וואר: מיט צען) אויגן - שטארק היטן.

1927 " א יידענע |...| האט מיר געזאגט, אז נחמיהן דארף מען היטן מיט צען אויגן".

בודזאהן, 4א, 16.

היטן די צונג/דאס מויל - זייך געהיט מיט די רייד, ניט רעדן צו פיל, נארישקייטן, רכילות.

1843 " |...| איבער דעם דארפסטו צו <u>היטן דיין צונג</u>

און דיין מויל פון שלעכטע רייד". 573

<u>איבז׳ א. בראידיס, ס׳ שיח ספונים, ז׳ 15</u>.

1900 " |...| ספר היראה, וואס רעדט וועגן ציציות, תפילין

און וועגן <u>היטן די מויל</u>". 567

<u>אלפס, 1, 42</u>.

<u>היטן די פינגער</u> (עמעצנס) – היטן מען זאל ניט גנבענען.

1964 " |...| און די ׳בוטשערס׳? מען קאן זיי דען געטרויען?

מען דארף זיי <u>היטן די פינגער</u>". 564

<u>ש. מייערסאן, פער 69, 17/IX</u>.

<u>היטן די טריט</u> (עמעצנס) – 1. שטארק זארגן פאר יענעם גוט

אויפפאסן, פלילנעווען.

1948 " הינטער איר א מאנצביל, וואס האט איר ווי <u>די טריט געיט</u>,

זי זאל זיך ניט אפשטעלן, זיך ניט אומקוקן |...|".

<u>נסתר, ~~218, 5~~. 92, 6</u>

2. היטן מיט חשד.

1943 " |...| ווי זיי וואלטן זיך איינס דאס אנדערע

די טריט געהיט איינעם דעם אנדערן פון אויג ניט ארויסגעלאזט".

נסתר, 5, 218.

היטן די ביינער (וואר: די עצמות) - זיין, זייער פארזיכטיק, ווייל ס'איז דא א סכנה, א ריזיקע.

היטן דעם גראשן - זיין שפארעוודיק, ניט פטרן קיין געלט.

היטן דאס געמיט - זיין קאלטבלוטיק, ניט היצן זיך, ניט איבערנעמען זיך צו פיל.

גאט זאל היטן! - באמערזאץ אין רייד, אין באטייט:

ס'זאל גארנישט געשען! סח=ושלום!

% יענער איז נעבעך פאראראעמט געווארן און וועט אפשר, גאט זאל היטן, דארפן אויסשטרעקן די האנט!

(לאקל טבריה) זאל דיך גאט היטן פון פייער און וואסער און פון יידן צפתער. *

---

שור:

האלט מיך פאר א רב און היט מיך ווי א גנב.

דעם (אפ)געהיטענעם היט גאט.

היט מיך, גאט, פאר די (וואר: פאלשע) פריינד, פאר די שונאים

וועל איך זיך אליין היטן. (וואר (בערנשטיין): היטן

זאל מען זיך פאר די פריינד און ניט פאר די פיינט.

ם היטן/הויטן.

1. ←-----

... " שמרו מי בנער - האטנט ווער בגיגנט".

599 רייכלין 8, שמואלנב׳, י"ח - י"ב.

1544 " דוא זולשט דען קויניג הויטן דש שטוינד דיר וואל אן.//

602 דוא הושטו בור שלופן דוא אונ׳ אל דיין מאן".
שמואל=בוך, סטר׳ 678.

.2 <----

... " כשומרי שדי - אזא די דא האטן דיש וועלדש".

508 רייכלין 8, ירמיה, % - י"ז.

1544 " |...| דער הויטט זיינם ואטר אויף דעם וועלד דיא

573 שוף. // ישי מיט זיינן זוינן גינג שמואל צו הוף".

שמואל=בוך, סטר 285.

1679 " אונ׳ משה היטיט דיא שאף פון יתרו זיינים שווער".

589 בליץ, שמות, ג - א.

.5 <----

|?1685| " איז איין בת קול קומן אונ׳ האט גישריאן אלקסנדר

589/1 פאהר ניט ווייטר דוא קומשט אום פון דען שארפי שווערטר

דיא פאר דען גן עדן אום לויפן דיא דא היטן דאש גן עדן".

דרך הישר לעולם הבא, דף כ"ו.

.6 ←---

1736 " הילף אונז פון דעך פר פירר דער פון יוגנט אויף

אונז גיהיט". 562

תפלת יום=כיפור קטן, דף 9.

.7 ←----

1696 " איך וויל היטן צו מיינם מונד איין מויל באנד ווייל

נאך דר (רשע) איז קיגן מיר".

(סידור) תפלה למשה |...|, דף שמ"ב.

רעד: מיגלעך אז "היטן" מיינט דא "צודעקן"

תי: איך וועל האלטן א שלאס אויף מיין מויל"

תהילים, לט - ב.

.9 <-----

1610 " אונ׳ דער דא היט דען שבת אונ׳ היט זיין הנט פון
581 אלם בייזן אונ׳ איך וועל געבן צו איין איין גוטן נאמן".

טייטש=חומש, (הפטורה) ישעיה, נ"ו - 2.

1716 " אונ׳ קערן איר גידאנקן אונ׳ צו דיא זאכן פון
581/1 דיא תורה |...| אונ׳ זיין גיבאט צו היטן |...|".

חובות הלבבות, ו, דף קנ"ט.

0 היט הוב - היטהויף, דער הויף פון דער וואך.

1716 " |...| אונ׳ ירמיה זאס אין היט הוב ביז אן טאג דז
694 עז איז איין גנומן גווארן ירושלים".

ס׳ המגיד, 3, ירמיה, ל"ח - כ"ח.

היט קמר - היטקאמער, וואכשטוב.

ה—

1716 " |...| אונ׳ זיא פירטן דען ירמיה אונ׳ וואורפן

698 אים איין דר גרוב |...| דז דא וואר איין דר <u>היט קמר</u>".

<u>ס׳המגיד, 3, ירמיה, לח - ו׳</u>.

(?נ?) ם |היטן !!| הְ ט ן - טרוו. צודעקן, באדעקן.

... " סוכבים - הטן, כמו וסכות על הארון".

רייכלין 8,שמות, כ"ה - כ. 597

|תי: באשירעמען|.

ה י ט ן  ז י ך  -  רעפלעקסיוו צו היטן I, ב' 1.

% היטן זיך פון גנבים. היטן זיך פון א קרענק. ער היט זיך שטארק מיטן עסן ניט צו ווערן דיק. ער האט זיך געהיט קיינעם ניט צו באליידיקן.

1832 " א בעל=תשובה דארף זיך זייער היטן, ער זאל ניט מרבה חלבו ודמו זיין פון דער אכילה |...|". 528

|איבז?| דוב בער |...|, 1, אות כ"ו, ציט' אויסג' 1940.

1873 " דער אשמדאי האט מיך געהאלטן אין זיין האנט, ווי א ווראבייטשיקל, זיך געהיט מיר חלילה קיין קוועטש נישט צו טאן". 540/1

מענדעלע, 1, 92.

1939 " |...| ער האט גענוצט 'רפואות, מיט וועלכע ער האט זיך געהיטן |...|". 540/1

פערלע, 2, 273.

1968 " די בחורים האבן זיך געהיט אים ניט א שטאך צו טאן
540 מיט א בליק, אוב ער זאל אוועקגיין |...|".
גראדע, 7, 375.

פּפּ:

היטן זיך: ווי פון פייער, ווי פון טויט, ווי פון א בייז אויג, ווי פאר א גנב, ווי פאר א משוגענעם הונט – שטארק היטן זיך.

היטן זיך דאס פעלצל (וואר: די פעל, דאס לעדער) – זיין גוזמאדיק פארזיכטיק, ניט ריזיקירן, האבן אין זינען נאר זיך אליין.

היטן זיך מיט א ווארט – זיין איינגעהאלטן, פארזיכטיק אין די רייד, ניט ארויסברענגען קיין סוד.

<u>שור:</u>

<u>אז דער מענטש היט זיך, היט אים גאט אויך.</u>

<u>מע דארף זיך גיכער (וואר: מער) היטן פאר מענטשן, ווי פאר גאט.</u>

<u>היט דיך פאר פייער און גלייב ניט דעם וואסער.</u>

<u>פאר א שטיל וואסער, פאר א שטילן הונט און פאר א שטילן</u>

<u>שונא זאל מען זיך היטן.</u>

<u>היטן/הויטן.</u> ם

1544 " |...| ער שיקט ווידר בוטן איך צורניגם מוט.//

אונ׳ ווערט מיר ניט נביאים היט אויך דש אירש ניט טוט".

<u>שמואל=בוך, סטר׳ 473.</u>

1676 " לייט דיא דא גנץ לנצום רידן לוישפרין אונ׳ מכין

אויש אל אירן זכין סודות, מויגן <u>זיך</u> דיא לייט וואל 647

פויר אין <u>הויטן</u>, זיא מיינן עש זעלטן רעכט".

<u>ברנט שפיגל, פרק ט"ו.</u>

1723 " פאר איין איבריגן טרונק טוא דיך <u>היטן</u>, // ווען

546 מן דיר שון דער טואט אן ביטן".

<u>שמחת הנפש, II, דף ט"ו.</u>

ה י ט ו נ ג - די/דאס, בא. (עלט)

1. וואך, וואכפאסטן.

1941 " אין דעם איינגאנג פון אוהל=מועד זאלט איר בלייבן

טאג און נאכט זיבן טעג און היטן די היטונג פון גאט". 665

תרגום יהואש, ויקרא, ח - 35.

2. אפגעהיטנקייט, פארזיכטיקייט, דאס היטן זיך.

... " מען דארף זי |די סחורה| שטארק היטן, נאך שטארקער

דארף זיין דאס היטונג אין וועג, ווען די פור קומט 663

ארויף אויף א שטיין איז א סכנה |...|".

איבז אנ, מחזור 6, 192.

3. באווארעניש, פארהיט=מיטל, שוץ.

... " אז דיא מענטשין פון דער וועלט ריידין מיט דעם מויל

גוטש און מיט דעם הארץ מיינין זיא אנדערש, דעמאלט איז 666

ארום זייא ניט פאר האנדין קיין היטונג און קיין מויער

און די מקטרים שטארקין זיך".

איבז/אנ, קב הישר.

4. (פיג) געבאט, באפעל, אנזאג.

1805 " |...| דורך דיא פיהרונג פון דיא נשמה אונ דיא

661 נשמה אונ דיא שטרופונג אן די לייבליכי נאכפיכש דש דו גאט

צו מיר |די| נשמה געגעבין האשט איך זאל איר באדינין

איר דינשט אונ זאל אין אכט נעמין איר היטונג".

איבז פאוויר, 1, דף מז.

1875 " אזוי האט געזאגט דוד המלך צו זיין זון שלמה.

661/1 |...| זאלסט היטן דאס היטונג פון גאט צו גיין אין

זיינע וועגן און צו היטן זיינע געזעצן |...|".

איבז האמבורגער, 1, 2.

1941 " דערפאר וואס אברהם האט צוגעהערט צו מיין קול

664 און האט געהיט מיין היטונג".

תרגום יהואש, בראשית, כ"ו - 5.

ם
**היטונג.**

----> 1.

1692 " אויף מיינם היטונג וויל איך מיר שטעלן אונ' אויף
657/1 דער בלאגרונג |...|".

ס'המגיד, 2, חבקוק, ב - א.

1764 " אונ זי |די פריצים| שטוסטין די כהני גדולים אוועק
657 פון איר היטונג אונ' פון איר הייליגי דינשט".

יוסיפון, 5, ~~דף ק[illegible] |ר"ץ?|~~. דף קי"ג.

----> 3.

1668 " די רומיים דיא דא ווארן גרינגס אום דיא טארן דיא
658 וואר אינן צור היטונג".

יוסיפון, 3, דף ר"צ |ר"ץ?|.

----> 4.

1610 " דרום דז ער האט גיהירט אברהם אין מיין שטים

662 אונ' ער הוט גיהיט מיין <u>היטונג</u>".

<u>טייטש=חומש, בראשית.</u>

1764 " |...| דרום הבן די לייט פון אדום גהיט די <u>היטונג</u>

662/1 פון גאט אונ' זיין בית המקדש".

<u>יוסיפון, 5, דף ק"ה.</u>

ה י ט ע ! --> הוטע.

(?נ?) ם

ה י ט ע !! - די, =ן. וואכשטוב.

מה"ד:

... " המטרה - דהוואטא,ל׳ בית שמירה".

רייכלין 8, ירמיה לב - ב.

ה י ט ע ל ע - <u>דאס, =ך.</u>

1. פּקפּ פון <u>היטל</u>, א יינגעלע מיט א שווארץ חסידיש היטעלע אויפן קאפ.

1950 " וואס זענען זיי עפּעס אַזוי ווילד אנגעטאן? |...| - האט געפרעגט איידל, וואס איז נישט געוווינט געווען צו די קליינע שטערצלדיקע <u>היטעלעך</u>". 433

<u>באשעוויס, 3, 8.</u>

1968 " איידער מיר עפענען די טיר, נעם איך אראפּ דאס ׳יידישע <u>היטעלע</u>׳ - עפּעס פּאסט נישט דערמיט ארייַנצוגייען אין א קולטור=פּאראייַן". 429

<u>ש. גאלדשטיין, יזב 2, 125.</u>

2. קליינער דאמענהוט (<u>פּקפּ פון הוט</u>).

% דאס מיידל קויפט זיך אלע מאל א ניי <u>היטעלע</u>.

... " דאס מיידעלע וויל א <u>היטעלע</u> האבן,// מוז מען גיין

דער פוצערקע זאגן". 432

<u>פאלקסליד.</u>

1967 " אויפן שפיץ קאפ טראגט זי א <u>היטעלע</u>,ווי א נאכטטעפל".

<u>ח. גראדע, פער 69,VII/7.</u> 434

ה י ט ע נ י ו  -  דאס, =ס. (איר) פרויען=היטעלע.

1868 " דאס היטעניו אירס, נאך פון כמעלניצקיס צייטן...

427 און וואס זאגסטו אויף דער יופע מיט האר? |...|".

פער 177, נ' 8, ז' 58.

ה י ט ע ר - דער, =ס/מצ דז. דער וואס היט; שומר, ווערטער.

א געטרייער היטער. באוואפנטע היטערס באוואכן דעם פאלאץ.

1836 " אונ' דער טויער היטער האט אים ניט גיוואלט ארייך ל

676 לאזן איך בית המדרש ארייך".

לב טוב, 3, דף מ"ח.

1936 " זיי האבן מיך געשלאגן, פארוווּנדערט, די היטער

674 אויף די מויערן |...|".

איבז אנ, מחזור 5, שיר השירים.

1945 " ער שלאפט, דער ים |...| און איך בין דאס זיין היטער".

686 סעגאלאוויטש, 9, 143.

|| היטעריי - דאס, בא. דאס היטן, די ארבעט פון היטן.

1951 " אוודאי האבן פאליאקן און שפעטער רוסן |...|,

670 געבראכט ארדענונג=היטעריי |...|".

א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 381 |?386|.

__היטעריןָ__ - די, =ס. וועצו __היטער__.

1951 " דא |איך פאלאנגע| איז פאראן דאס בערגל בירוטע,

מיט דער לעגענדע וועגן דער שיינער געצן=דינערישער 677

__היטערין__ פון הייליקן פייער |...|".

י. מארק, פער 106, 1455.

1973 " די שיסעריי האט זיך פארשטארקט, כ'האב מורא געהאט

אז א קויל קען מיך טרעפן, בין איך אריין צו דער __היטערין__ 692

אין שטוב |...|".

יזב 18, 299.

ם __היטער/האטער__.

... " שומר - דר __האטער__, ל' שומר הבית".

רייכלין 8, תהילים, קכז - א. 683

" דוא גוט בישט איין היטר דער דען מענשן היט |...|". 1626

670 <u>ס' המגיד, 1, איוב, ז - כ.</u>

" דיא דא פר לאזן דיא תורה דיא לובן דעם רשע, 1716

690 און די <u>היטר</u> פון די תורה זאלן זיך קעגן זיא אן רייצן".

<u>חובות הלבבות, 1, דף 10.</u>

ה י ט ע ר ה ו נ ט - דער, ~ הינט. באַזונדער ראַסע פֿון הינט, וואָס היטן גוט.

1924 " ביי היטערהינט איז זייער שאַרף דער געהער, דער שמיעה=חוש. זייערע אויערן זיינען אונגעשטעלט, אַזוינע אויערן נעמען אויף יעדן קלאַנג |...|". 691

איבן איסעל, 1, 15.

ה י ט = פ ו צ ע ר ק ע - די ,=ס. פּפּ היטן=פוצערין.

דזוו היט=מאכערין.

ה י ט ן = פ ו צ ע ר י ן - ------> __היט=פוצערקע״ג__

ה י ט ן = פ ו צ ע ר ק ע - -----> היט=פוצערקע.

ה י ט ק ע - ------> **הידקע.**

(?נ?) ה י ט ש – <u>אוטוו.</u> (<u>אמ</u>) צושטיין צו עמעצן צו פארן, צוטשעפענן (זיך) |<u>סטוטש 170</u>|.

(?נ?) ה י ט ש ה ײַ ק ן ⊥ <u>אוטוו</u>. לאזן זיך מיטנעמען (אין פארן),

אונטערפארן מיט עמעצן.

(?ב?) ה י ט ש ה יי ק ע ר - דער,וואס שטייט צו עמעצן (אין פארן),
מיטפארער, אן אויפגעבאפטער פאסאזשיר.

ה י ט ש ע ן - אוטוו.

1. (רעג פוילן) הודזשען, זשומען, רוישן.

1925 " |...| זי נעמט פונאנדערברעבען א פייער אונטער דער
707 קיך, לייגט האלץ אויף האלץ, און עס פלאקערט, קנאקט
און היטשעט".

י. מ. ווייסענבערג, 9א, 54.

2. רעווען, ריטשען.

|אנהייב XIX| " |...| נאר דאס חזיר האט זייער געשריגן;//
708 עס האט געגרעבעט און געקוויטשעט,// געשווארגאטשעט און
געהיטשעט,// גלייך מע האט עס ביי די אויערן געטארגעט |...|".

שטיינגער, 3, 228.

רעד: קאן זיין אז ס׳איז א גרייז און ס׳דארף זיין
"געריטשעט".

ה י ט ש ק ע I - די, =עס.

1. דאס בלעטערוווארג אויף גארטנגרינסן; באטווע.

% די <u>היטשקע</u> פון מערן. <u>היטשקע</u> פון בוריקעס. מע פארברענט
די פארדארטע <u>היטשקע</u> פון די גרינסן.

1850 " |...| זאלן זידין אים (דעם מייער) מיט זיין זאמען
709 מיט דער <u>היטשקע</u> און מאכן זיך באדין ביז אין גארטל
און צו אלי אינווייניקשטי קרענק איז גוט פון אים באדין מאכין".
<u>אנ, תעלה ארוכה</u>.

1935 " |...| א לאנגער בעזעם מיט א געלער <u>היטשקע</u> |פון|
723 שמעקעדיקער פעטרישקע".
<u>רויזענבלאט, 4, 73</u>.

1947 " אייגלעך פון קארטאפל, אין דר'ערד גייט אריין!//
מיט ערד מיט ווארעמער דעק איך איין איין.// ליגט זיך,
פיקט זיך, ווארעמט זיך אויס,// די גרינע <u>היטשקעס</u>/שטעקן ארויס".
<u>קוויטקא</u>,

2. טשופּרינע, בינטל האָר אויף דעם שטערן |ליפּשיץ 1|.

1916 " לאַנג לעבן זאָל אידעלע גנב מיט דער היטשקע געגרייזלטע האָר".

שלום=עליכם, 37, 27.

3. גריווע (דער פּאַס האָר אויפן האַלדז פון אַ פערד).

4. דער שפּיץ פון אַ פאַרבונדענעם זאַק, איבער דעם איבערבונד (שטריק).

היטשקע !! – די, =ס. א קאלירט דענדל אדער פאדעם,

וואס מע פלעגט אנבינדן קינדער פאר א סגולה (קמיע)

קעגן אן עפּידעמיע.

1953 " די חדר=יינגלעך זענען ארומגעגאנגען מיט בערדלעך

720 רויטע היטשקעס, מיט קרענצלעך בורשטין=ביינדלעך |...|

א סגולה אנטקעגן א מגפה".

ברוסילאוו, 1, 179.

ה י ט ש ק ע !!! - דער, =ס. 'אויסוואָרף, "זידלוואָרט"

הפקר=יונג" |קטוו|. 713

> רעד: דער אינפאָרמאַנט גיט אָן אַז ס'איז פון פוילישן
> וואָרט "היצעל=הינטשלעגער. כ'בין אין דעם מסופק